STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04068

GEMISHTE HASENES IN DER YIDISHER LITERATUR

M. Menachovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה מענאַכאָווסקי

געמישטע חתונות

אין דער

יידישער ליטעראַטור

אַרגענטינער
ייִוואָ־ביבליאָטעק
נומער נײַן־און־צוואַנציק

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן
מיט דער מיטהילף פון די חברים
הערי טאפּער און דזשוליוס סעלצער

דאָס אחריות פאַר די וויסנשאַפטלעכע שטאַנדפּונקטן וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פון ייִוואָ, טראָגן די מחברים גופא.

משה מענאַכאָווסקי

געמישטע חתונות
אין דער
יידישער ליטעראַטור

בוענאָס־איירעס

1968 — ה'תשכ"ח

PARA USO PERSONAL
SIN FINES COMERCIALES

משה מענאַכאָווסקי

מיין ליבן ברודער **שלום**, וועלכער איז אומגעקומען אויפן סמאָלענסקער פראָנט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, און מיין טייערן חבר **משה סטעריאַן**, אין מיין בוך געווידמעט.

אַ לעקציע וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן

געמישטע חתונות — סײַ ווי אַ געזעלשאַפטלעך פּראָבלעם און סײַ ווי אַ פּראָבלעם פונעם יחיד — איז אַ טעמע וואָס איז נישט נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט דער פראַגע האָבן זיך באַשעפטיקט און ס׳באַשעפטיקן זיך אַלערליי פאָרשערס, קודם־כּל — פּסיכאָלאָגן, וואָס ווילן זיך דערגרונטעווען צו דער נשמה פונעם מענטשן. און ס׳באַשעפטיקן זיך סאָציאָלאָגן, וועמען דאָס פּראָבלעם אינטערעסירט הן פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און הן פון סאָציאַלן. אויך די אַזוי גערופענע שיינע ליטעראַטור, בעיקר די בעלעטריסטיק, האָט דער פראַגע געווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. עס האָבן וועגן דעם פּראָבלעם געשריבן פאַרשיידענע שרײַבערס און אין פאַרשיידענע צײַטן. נאַטירלעך — יעדער איינער אויף זײַן אופן און שטייגער.

די פראַגע, ווי מיר ווייסן, איז נישט בלויז קיין ייִדישע. אָבער בײַ ייִדן נעמט זי אָן אַ פּיל שאַרפערן און ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער. די סיבות דערפון זענען זייער פאַרשטענדלעכע, מחמת זיי וואָרצלען אין דער נישט־נאָרמאַלקייט פון אונדזער פאָלקישן לעבן איבער דער וועלט. קודם־כּל — די צעשפּרייטקייט איבער אַלע אַרבע פּניות העולם און דער פאַקט אַז ייִדן זענען אומעטום אַ מיעוט. דאָס זענען אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע ווירקן זיך אויס מיט זייער ספּעציפישן כאַראַקטער, אויף אַלע שטחים פֿון אונדזער לעבן. במילא האָבן זיי אויך אַ גרויסע השפּעה אויף דער אינטענסיווקייט פון דעם פּראָצעס פון געמישטע חתונות און אויף די רעזולטאַטן זײַנע, וועלכע זענען, צוליב די דערמאָנטע טעמים, פאַר ייִדן פיל קאָמפּליצירטער און געפערלעכער ווי פאַר אַלע אַנדערע פעלקר.

אין דער לעצטער צײַט ווערט דאָס פּראָבלעם פיל שאַרפער ווי ווען עס איז. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אין וועלכע ייִדן לעבן זענען הײַנט גאָר אַנדערע ווי אַמאָל. פון איין זײַט — זענען הײַנט נישטאָ יענע האַרט־פאַרשפּיצטע איזאָלירנדיקע פֿאַקטאָרן פון דרויסן, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם ייִדן ווײַט פון דער פרעמדער וועלט. פון דער צווייטער זײַט — פעלן הײַנט, אין אַ גרויסער מאָס, פיל אינערלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן גײַסטיק און געזעלשאַפטלעך צעמענטירט דעם ייִדישן קאָלעקטיוו און גאָר באַזונדער די ייִדישע

משפחה, און האָבן דירעקט צי אומדירעקט נישט דערלאָזט אַז דאָס פּראָב־לעם פון געמישטע חתונות זאָל אָננעמען אַזאַ מאַסן־כאַראַקטער, ווי אין דער לעצטער צײַט.

און פאַראַן נאָך אַ סכנה, וועלכע איז אפשר נאָך ערגער און געפערלע־כער ווי אַלץ. זי באַשטייט, די סכנה, דערין וואָס לעצטנס האָט מען אָנגע־הויבן שלום צו מאַכן מיטן פאַקט פון די געמישטע חתונות. מע האָט זיך צו ביסלעך צוגעוווינט צו דער געשעעניש און מע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער גלײַכגילטיק צום גאַנצן ענין, גלײַך ווי ס׳וואָלט קיין ערנסט פּראָבלעם נישט געווען. אָט די גלײַכגילטיקייט, וועלכע האָט זיך אײַנגעזשאָ־ווערט אין גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק און די פּאַסיווקייט מיט וועל־כער מע באַציט זיך צום דאָזיקן פּראָבלעם איז געוויס אַ מאָטיוו פאַר טיפער זאָרג און אומרו פון יעדן איינעם וואָס טראַכט ערנסט וועגן דער צוקונפט פון ייִדן אין די תפוצות. מע קען נישט און מע טאָר נישט פאַרגעסן, אַז פון דעמאָגראַפישן שטאַנדפּונקט זענען הײַנט די געמישטע חתונות דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער ירידה פון אונדזער מענטשן־פּאָטענציאַל און פאַרשאַפן אונדז אַ שרעקלעך ווייטיקלעכן דעפיציט אין אונדזער פאָלקישן באַלאַנס.

אמת טאַקע, אַז די פראַגע האָט אַלע מאָל עקסיסטירט. צײַטנווײַז אין אַ גרעסערער מאָס און צײַטנווײַז אין אַ קלענערער. אָבער דער ווידער־שטאַנד קעגן אָט דער מחלה איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי שוואַך ווי הײַנט. די טיפע זאָרג אונדזערע וואָרצלט דעריבער בעיקר אינעם אָפּגע־שוואַכטן ווידערשטאַנד. אָפט מאָל מאַכט עס פשוט דעם אײַנדרוק אַז דער קערפּער אונדזערער האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צום ווייטיק, אַז ער פילט שוין אַפילו נישט אַז אים טוט וויי... און אַ קראַנקייט וועלכע מע פילט נישט איז זייער אָפט די סאַמע געפערלעכסטע קראַנקייט.

אָט דאָס לעצטע איז געוויס געווען דער מאָטיוו וואָס האָט באַוויגן משה מענאַכאָווסקין — דעם לאַנגיאָריקן פאַרדינסטפולן לערער און קול־טור־מענטש — צו ווידמענען זיך דער דאָזיקער פּראָגע.

משה מענאַכאָווסקי איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער ייִדישער לי־טעראַטור. ער האָט הינטער זיך אַ רײַכע פאַרגאַנגענהייט נישט בלויז ווי אַ לערער, אַ לעקטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער, נײַערט ווי אַ פּובליציסט, וואָס נוצט זײַן פּעדער יעדעס מאָל ווען ער וויל העלפן אויפקלערן פּראָב־לעמען, וועלכע ער פּערזענלעך פילט און ווייטיקט דורך מיטן גאַנצן צי־טער פון זײַן נשמה.

משה מענאַכאָווסקי איז אַ לערער מיט אַ סך טאַלאַנט און מיט וויסן. אויך אין זײַן שרײַבן דערקענט מען דעם לערער. מע דערקענט עס אינעם סטיל און אינעם טאָן מיט וועלכן ער איז מסביר. נישט בלויז ווען איר הערט אים ריידן, נאָר אַפילו ווען איר לייענט זײַנע כתבים זעט איר שטענדיק דעם לערער וואָס שטייט פאַרן קלאַס און רעדט צו זײַנע תּלמידים. אַזוי האָב איך אים געזען ווען כ'האָב אים דערקענט אין מײַנע קינדער־יאָרן, אין אַמאָליקן בריסק דליטא, אַזוי זע איך אים ביזן הײַנטיקן טאָג, אויך נאָך דעם ווי דער גורל האָט אונדז צעשיידט אויף פּיזיש־ווײַטע מרחקים. מענאַכאָווסקי האָט אַ גרויסע מעלה. ער רעדט תּמיד נאָר וועגן דעם אין וואָס ער גלייבט, אין וואָס ער איז איבערגעצײַגט. ער רעדט קלאָר און לאָזט נישט צווייפלען וועגן זײַנע געדאַנקען און טראַכטענישן. אַזוי איז ער בעל־פּה און אַזוי בכתב.

וואָס האָט באַוויגן מענאַכאָווסקין צו ווידמענען זיך דער טעמע געמישטע חתונות; אַ טעמע וואָס איז נישט נײַ און דעריבער נישט לײַכט צו באַהאַנדלען?

איך מיין, אַז דער ענטפער געפינט זיך אין דער אַרבעט גופא. ער איז דאָ אין יעדער שורה און אין יעדן וואָרט. מע קען דעם ענטפער געבן אַפילו בלויז אין איין איינציקן זאַץ: די זאָרג און אומרו פאַר ייִדן ווי אַ כּלל, ווי אַ פֿאָלק און נישט ווייניקער אויך — די זאָרג פאַרן ייִדן דעם יחיד.

דער יסוד פון דער אַרבעט איז אַ מין קאָמפּילאַציע פון אַ ריי געדאַנקען און מיינונגען פון אָנגעזעענע פאָרשערס, דענקערס און שרײַבערס, וועלכע מענאַכאָווסקי ברענגט פאַרן לייענער מיט דער פּינקטלעכקייט און אָפּגעהיטקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ לערער. פאַראַן אויך אַ צאָל אָפּגעקליבענע געדאַנקען און פאַרזאָגן פון אונדזער ספר־הספרים. דאָס לעצטע האָט מענאַכאָווסקי געוויס געטאָן מיט אַ באַשטימטער כּוונה: פון איין זײַט — צו באַווײַזן, אַז דאָס פּראָבלעם איז אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז אונדזער פאָלק, און פון דער צווייטער זײַט — צוצוגעבן מער חשיבות זײַן אייגענער טעזע, אַז די געמישטע חתונות זענען אַ טראַגעדיע פאַר דער אומה און אין די מערסטע פאַלן — אויך אַ טראַגעדיע פֿאַר די משפּחות וואָס קומען־אַרויס פון געמישטע חתונות. פאַראַן דערין אַ קלאָרער רמז, אַז אויב אַפילו דעמאָלט ווען ייִדן האָבן געלעבט אויפֿן אייגענעם באָדן איז דאָס פּראָבלעם געווען אַזוי ערנסט און געפערלעך, איז ווי שוין הײַנט, אין דער תּקופה פון דער גרעסטער ייִדישער צעשפּרייטקייט?

אין לעצטן טייל פון דער אַרבעט האָט מענאַכאָווסקי צונויפגעזאַמלט אַ צאָל אויסצוגן פון ווערק פון פאַרשיידענע יידישע און העברעישע מחב־רים, וועלכע באַהאַנדלען די דאָזיקע טעמע אויף אַ ליטעראַריש־קינסטלע־רישן אופן. עס איז אַ מין קליינע אַנטאָלאָגיע וועגן געמישטע חתונות ביי יידן, ווי זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער ליטעראַטור.

מ. מענאַכאָווסקי איז אָבער נישט בלויז קיין קאָמפּילאַטאָר פון אַ ריי געדאַנקען און מיינונגען, אָדער פון גרעסערע און קלענערע ציטאַטן פון דער ליטעראַטור. מחברים פון אַנטאָלאָגיעס זענען בדרך־כלל אַליין נישטאָ אינעם ווערק. זייער אויפגאַבע פאַרענדיקט מיטן מיטן צונויפפאָרן גרעסע־רע אָדער קלענערע שאַפונגען, וועלכע האָבן אַ געמיינזאַמען אינהאַלט, זשאַנער, אָדער טעמאַטיק. מענאַכאָווסקי איז אָבער פאַראַן אין זיין ווערק. ער איז בכלל נישט קיין פּאַסיווער איבערגעבער פון דעם וואָס אַנדערע זאָגן, אַפילו ווען ער איז מיט זיי אין גאַנצן מסכים. ער זאָגט תמיד אויך זיין אייגן וואָרט, נאָטירלעך, אויף זיין שטייגער, מיט זיין אייגענעם נוסח און פּאַטאָס, וואָס באַגלייט אים אין אַלע זיינע טוונגען.

צום שבח פון מחבר פון דער נאָכפאָלגנדיקער אַרבעט דאַרף אויך גע־זאָגט ווערן, אַז ער האָט זיך מיטן פּראָבלעם זייער ערנסט באַשעפטיקט. מע זעט קלאָר, אַז ער האָט זיך גוט אָנגעגורט די לענדן ווען ער האָט זיך גע־נומען צו שרייבן די דאָזיקע אַרבעט זיינע. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך פאַר וואָס ער האָט גענומען אַזוי פיל עדות, סיי פון דער וועלט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, ווי פון אַלטן תנ״ך און סיי פון דער וועלט פון קונסט. זיי אַלע דערגאַנצן זיך און מאַכן בולטער נישט בלויז דאָס פּראָב־לעם, נייערט אויך מענאַכאָווסקיס אומרו און זאָרג, ווי צו פאַרשטאַרקן דעם אינערלעכן ווידערשטאַנד קעגן דער דאָזיקער מוראדיקער פּלאָג וואָס רייסט־אָפּ לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער פאָלקס־אָרגאַניזם.

אין דעם זין איז עס אַ ווערטפולער אויפטו. עס איז אַן ערנסטע און באַגרינדעטע וואָרענונג, אַ לעקציע פון אַ לערער וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן.

חיים פינקעלשטיין

I

געמישטע חתונות

דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות איז זייער אַן אָנגעווייטיקטס ביי פיל פעלקער און ספּעציעל ביי אונדז יידן. געמישטע חתונות שטעלן אין סכנה די סאַמע עקסיסטענץ פון פאָלק און ברענגען טראַגעדיעס, אין די מערסטע פאַלן, פאַר די פּאַרלעך. אָנצווייזן אויף די סכנות, כדי אויסצו־מיידן ווי ווייט מעגלעך די־אָ טראַגעדיעס איז דער ציל פון דער אָפּהאַנדלונג.

אונטערן נאָמען געמישטע חתונות מיינען מיר דאָס פאַרבינדן זיך פון צוויי מענטשן וואָס געהערן צו צוויי באַזונדערע רעליגיעס, נאַציאָנאַליטעטן אָדער ראַסן. אַפילו ווען מען איז נישט רעליגיעז, מען איז אַן אַגנאָסטיקער אָדער אַטעיִסט, שיידט מען זיך אונטער פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט אין פיל זאַכן, וועלכע שפּילן זייער אַ גרויסע ראָל: שפּראַך, יום־טובים, מנהגים, אַרט דענקען, גלייכווערטלעך, זאָגעכצן אד״גל.

ווען אַ קריסטלעך מיידל אָדער אַ בחור זענען זיך מגייר און האָבן חתונה מיט אַ יידיש מיידל אָדער להיפוך, איז נישטאָ אין דער געמישטער חתונה קיין גרויסער פאָלקס־אומגליק; אָבער דער וואָס איז זיך מגייר האָט שוועריקייטן צוצופּאַסן זיך צום נייעם אופן פון לעבן: ער אָדער זי, מוזן זיך צופּאַסן איינס צום צווייטן און איבערברעכן מיט אַ געוויסן אַרט לעבן, וועלכן מע האָט געפירט ביז צו דער חתונה. עס איז גאָר נישט קיין גרינגע זאַך. מיר וועלן זען ווייטער, וועלכע שוועריקייטן עס אַנטשטייען ווען מע בויט דאָס נייע פאַמיליען־לעבן.

דאָס צופּאַסן זיך פון אַ יונג פּאָרל איינער צום צווייטן איז אַן און פאַר זיך גאָר נישט קיין גרינגע זאַך. עס קומען זיך אָפט צוזאַמען מענטשן מיט באַזונדערע כאַראַקטערן און טעמפּעראַמענטן: איינער איז היציק, דער צוויי־טער אַ קאַלטער לונג־און־לעבער; איינער האָט ליב צו זיין פּינקטלעך צו

דער מינוט בײַ אַ געוויסער אַרבעט, דער צווייטער האָט פֿײַנט זיך צו אײַלן — אַז נישט הײַנט איז אויך גוט מאָרגן; איינער איז אַן עקסטראָווערט, דער צווייטער איז אַן אינטראָווערט; איינער האַלט זיך אומנאַטירלעך ריין, דער צווייטער איז אַן אָפּגעלאָזענער. אַזוי וואָלטן מיר געקענט ציִען די קעגנ־זאַצן אָן אַ סוף, און אַז צו דעם קומט נאָך צו די דערציִונג אין באַזונדערע קולטורן אָדער באַזונדערע רעליגיעזע אָנשויונגען, ווערט דאָס פּראָבלעם פֿון צוזאַמענלעבן זיך און בויען אַ משפּחה־לעבן נאָך מער קאָמפּליצירט.

אין די ביוראָען פֿון פֿירמעס, אין די אוניווערסיטעטן, קומען זיך צו־זאַמען ייִדישע בחורים מיט נישט־ייִדישע מיידלעך. איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרן. מוזן מיר — דער עלטערער דור, וואָס האָט דערפֿאַרונג — אויפֿקלערן און אויפֿווײַזן, אַז געמישטע חתונות איז נישט גוט, עס ברענגט גרויס עגמת־נפֿש, וואָס פֿירט סוף־כּל־סוף, אין אַ גרויסער צאָל פֿאַלן, צו גט.

די צאָל גטן פֿון געמישטע פּאָרלעך איז אין לעצטן יאָרצענדליק, און אַזוי אויך אין די פֿריִערדיקע יאָרצענדליקער, געווען צוויי אָדער דרײַ מאָל גרעסער ווי צווישן חתונה געהאַטע פֿון דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט (גע־מישטע חתונות, פֿון אַלבערט גאָרדאָן, 1964).

אַלבערט גאָרדאָן האָט אויסגעפֿאָרשט 5,407 סטודענטן, וועלכע לערנען סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. 47 % פֿון זיי זענען פּראָטעסטאַנטן; 31 % — קאָ־טאָליקן, און 12 % — ייִדן. 5 % זענען אַרעליגיעז, 1 % מזרח־אָרטאָדאָק־סישער קלויסטער, די איבעריקע אַנטירעליגיעז. פֿון די אויסגעפֿאָרשטע, זענען 86 % ווײַסע, 12 % נעגערס און 2 % נישט קיין נעגערס און נישט קיין ווײַסע.

די עלטערן פֿון די סטודענטן זענען 86 % הי־געבוירענע, 12 % אימי־גראַנטן, 2 % נישט אָנגעגעבן פֿון וואַנען זיי קומען; 35 % פֿון די על־טערן האָבן אוניווערסיטעט־בילדונג, 22 % — הײַ־סקול, 18 % עלעמענ־טאַרע בילדונג, 25 % — נישט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע.

זייערע עלטערן זענען: פּראָטעסטאַנטן: פֿאָטערס 47 %, מוטערס 54 %; קאַטאָליקן: פֿאָטערס 31 %, מוטערס 30 %; ייִדן: פֿאָטערס און מוטערס 12 %. די איבעריקע געהערן צו פֿאַרשיידענע דענאָמינאַציעס.

די עלטערן פון די סטודענטן זענען 86 % הי־געבוירענע; 12 % — אימיגראַנטן; 2 % נישט אָנגעגעבן פון וואַנען זיי שטאַמען. צווישן פאָטערס און מוטערס איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשייד אינעם פלאַץ פון זייער אָפּשטאַם.

זייער בילדונג: 35 % — אוניווערסיטעט־בילדונג; 22 % — הײַ־סקול; 18 % — עלעמענטאַר־בילדונג; 25 % — נישט געענטפערט אויף דער פראַגע.

זייער באַשעפטיקונג: 21 % — פּראָפעסיאָנאַלן; 31% — ביזנעס־עקזעקוטיוון; 12 % — אַרבעטערס; 13 % — פאַרלײַט און 13 % — סאַניטאַרן.

83 % פון די עלטערן לעבן צוזאַמען; 4 % — געגטע; 1.5 % — צעשיידטע; 9 % אַלמנס אָדער אַלמנות.

אין 40 % פון די פאַמיליעס פון די סטודענטן זענען פאָרגעקומען געמישטע חתונות; פון דעם 29 % בײַ פעטערס אָדער מומעס; 9 % בײַ ברידער אָדער שוועסטערס; 2 % בײַ די אויסגעפרעגטע סטודענטן גופא.

52 % פון די סטודענטן זענען נישט רעליגיעז.

אויף דער פראַגע: וואָס איז די מיינונג פון דײַנע עלטערן וועגן אַרומגיין מיט אַ בחור אָדער מיידל מיטן צוועק זיך צו פאַרבינדן? האָבן געענטפערט: 69% — זיי אַרט נישט מיט וועמען זיי גייען אַרום; 28% — קעגן חתונה מיט עמעצן פון אַ פרעמדן פאָלק.

די אויספאָרשונגען באַווײַזן, אַז די טענדענץ פון געמישטע חתונות וואַקסט פון יאָר צו יאָר. עס העלפן נישט די באַזונדערע קאַטוילישע שולן אָדער די ישיבות.

אַ פּאָזיטיוון ענטפער האָבן געגעבן בנוגע חתונה האָבן מיט:

אַן איטאַליענער — 65 %; אַ ייִד — 85 %; אַ יאַפּאַנעזער — 72 %; אַ קאַטאָליק — 92%; נעגער — 63%; פּראָטעסטאַנט — 92%; פיליפּינער — 69 %; מעקסיקאַנער — 68 %; גריך — 80 %; אירלענדער — 87 פּראָצ׳.

פון דעם איז צו זען, אַז חתונה האָבן מיט אַ ייִדן זענען וויליק נאָר 37% און זיך חברן מיט אים — 85%; מיט אַ קאַטאָליק חתונה האָבן — 56% און זיך חברן — 92% אאַז״וו. פון דעם זעען מיר, אַז חתונה האָבן מיט אַ מענטשן פון אַן אַנדער רעליגיע, קולטור אד״ג וויל מען פיל ווייניקער

ווי זיך חברן מיט אים. אַ ייִד קען האָבן אַ פרײַנדין אַ קאַטוילישע, אָבער חתונה האָבן מיט איר וויל מען מיינסטנס נישט.

אַ גאַנצע ריי אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז 91% פון די סטודענטן זײַנען קעגן חתונה האָבן מיט אַ פּערזאָן פון אַן אַנדער קאָליר; 50% — אַן אַנדער רעליגיע; 31% — קולטורעל נידעריקער; 16% אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט; 13% — נידעריקערער אין עקאָנאָמישן סטאַטוס. פון דעם לערנען מיר, אַז די קעגנערשאַפט צו חתונה האָבן גייט לויט דער ריי: קאָליר, רעליגיע, קולטור, נאַציאָנאַליטעט און עקאָנאָמישער סטאַטוס.

אַן אויספאָרשונג צווישן די ניו־היוען־ייִדן האָט געגעבן פאָלגנדן רעזולטאַט: 57 % פון די ייִדן האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי וואָלט זייער ווײי געטאָן אַ געמישטע חתונה אין זייער משפּחה; 22% וואָלטן מסכים געווען צו אַ געמישטער חתונה ווען די קינדער זאָלן אויפגעבראַכט ווערן ווי ייִדן; 18% וואָלט עס אין גאַנצן נישט געאַרט; 4% וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער קינד.

וואָס מער אַ ייִדישע פאַמיליע איז דערווײַטערט פון ייִדישע אינטערעסן אַלץ וואָרשײַנלעכער איז דאָרטן אַ געמישטע חתונה.

מיט דורות צוריק האָבן ייִדן סאָציאַל געלעבט אין געטאָס. חוץ מזה האָבן ייִדישע בחורים און מיידלעך חתונה געהאַט דורך אַ שדכן. הײַנט האָט מען חתונה דורך ליבע. זענען דעריבער אין יענע יאָרן כמעט נישט געווען קיין געמישטע חתונות. נאָר דורך פאַרליבן זיך, וואָס עס איז דאַן געווען אַ זעלטנהייט, האָט געקענט טרעפן אַ געמישטע חתונה. די ייִדישע רעליגיע און אַנטיסעמיטיזם האָבן פאַרהיט פון געמישטע חתונות.

דער סאָציאָלאָג ראובן ב. רעזניק קלאַסיפיצירט די ייִדן פון געמישטע חתונות אויף פאָלגנדן אופן: 1. דער עמאַנציפּירטער ייִד; 2. דער ייִד וואָס פאַרלירט זײַן אידענטיטעט. סלאָטקין, אַ צווייטער סאָציאָלאָג, גייט צו נאָך פיר טיפּן: דעמאָראַליזירטער; העטעראָגענער; מאַרגינעלער; אַ־קולטורעלער.

אָפטאָן טאַטע־מאַמע פאַר זייער שלעכטער באַציִונג, רעבעלירן קעגן זיי, ווערט אָפּטמאָל אויסגעגאָסן אין אַ געמישטער חתונה. מע רעכנט זיך דורך דעם אומבאַוווסט מיט זיי אָפּ. אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער האָט זיך אויסגעדריקט: הגם עס טרעפט זייער זעלטן, אַז אַ ייִדיש מיידל לעבט מיט איר טאַטן און אַ זון מיט זײַן מאַמען, דאָך זענען דאָ אַזעלכע פאַלן. די יונגע

מענטשן האָבן אַ שנאה צו זייערע עלטערן און כדי אויסצומיידן אומגעזעצלעכע געשלעכט־פֿאַרבינדונגען, מײַדן זיי אויס ייִדן און האָבן חתונה מיט נישט ייִדן.

די מחברים פֿון „בלעק מעטראָפּאָליס“ ווײַזן־אָן, אַז וואָס שייך נעגערס, פּראָווען מיט זיי געמישטע חתונות 1. אינטעלעקטואַלן און באָהעמער; 2. רעליגיעזע און פּאָליטישע ראַדיקאַלן; 3. סטאַבילער מיטלקלאַס. זיי ווײַזן אויך אָן, אַז נישט קיין אַמעריקאַנער געבוירענע, נישט אַסימילירטע אין אַמעריקאַנער לעבן, האָבן מיט זיי חתונה.

פֿון 18.8 מיליאָן נעגערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זענען אין 1960 אומגעפֿער 4/5 געווען געמישטע מיט ווײַסע (וועלט־אַלמאַנאַך 1962, זײַט 251). מעליוויל הערשקאָוויץ, אין זײַן בוך „דער אַמעריקאַנער נעגער, אַ שטודיום אין זיווגים פֿון ראַסן (נ. י. אַלפֿרעד קנאָפּף, 1928), באַזירנדיק זײַנע אויסרעכענונגען אויף אַנטראָפּאָמעטרישע מאָסן אין וואַשינגטאָן, ניו־יאָרק, וועסט־ווירדזשיניע און אַנדערע פּלעצער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז 78% פֿון די אַמעריקאַנער נעגערס ווײַזן סימנים פֿון געמישטן אייראָפּעיִשן אָדער אינדישן אָפּשטאַם. צווישן־ראַסישע קאָנטאַקטן האָבן געשפּילט אַ הויפּט־ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַמעריקאַנער נעגער („געמישטע חתונות“ פֿון אַלבערט י. גאָרדאָן, 1964).

גאָלדען, שטודירנדיק פּופּציק געמישטע חתונות אין פֿילאַדעלפֿיע אין די יאָרן 1949—50 האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די מערהייט פֿון זיי זענען געווען דערוואַרטערט פֿון זייערע עלטערן נאָך דער חתונה. די ווײַסע עלטערן האָבן לחלוטין נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די חתונה געהאַטע קינדער. די שוואַרצע האָבן געוואָלט זיך באַגעגענען מיט זייערע ווײַסע מחותנים, אָבער נישט געווען גיריק זיך צו טרעפֿן מיטן ווײַסן איידעם אָדער שנור, ביז וואַנען ער אָדער זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער שוואַרצער משפּחה. Maurice R. Davie: Negroes in American Society 1954 מיר שיקן אָפּ אונדזערע לייענער צום קאַפּיטל „נעגערס און ווײַסע“ אינעם בוך „געמישטע חתונות“ פֿון אַלבערט י. גאָרדאָן, וווּ זיי וועלן געפֿינען אַ שלל מיט אויטענטישע באַשרײַבונגען פֿון די צרות וואָס עס האָבן אויסצושטיין געמישטע שוואַרץ־ווײַסע פּאָרלעך.

אין 1950 האָבן די פּירערס פֿון דעם פּרעסביטאַרישן קלויסטער פֿון

די פאַראייניקטע שטאַטן אַנאָנסירט, אַז זיי זענען מסכים מיט די פּראָטעס־טאַנטן, אַז געמישטע חתונות זענען געפערלעך. אַזוי האָט אויך אַ באַפּטיס־טישע קאָנווענשאָן אין סאַן־פראַנציסקאָ אין יוני 1951 באַשלאָסן, אַז צו־זאַמען מיט זייערע ראָמאַנישע פריינט, וואָרענען זיי קעגן געמישטע חתונות.

די קאַטוילישע קירכע דערקלערט אָפן, אַז דער קלויסטער פאַרווערט מיט זיין גאַנצן אויטאָריטעט דאָס חתונה האָבן פון קאַטאָליקן מיט נישט קיין קאַטאָליקן. די פויפסטן פּיוס דער 11טער און פּיוס דער 12טער דער־קלערן, אַז געמישטע חתונות קענען זעלטן זיין גליקלעך.

פאָלגנדע טאַבעלע באַווייזט ווי געמישטע חתונות ברענגען נישט קיין גליק:

% גליקלעכע		קאָמביגאַציע: פרוי	קאָמביגאַציע: מאַן	צאָלן פון פאַלן
	75)	קאַטוילישע	יידישער	54
67	60)	יידישע	קאַטאָליק	29
	80)	פראָטעסטאַנטין	יידישער	31
78	76)	יידישע	פּראָטעסטאַנט	16
	75)	פראָטעסטאַנטין	קאַטאָליק	15
69	63)	קאַטוילישע	פּראָטעסטאַנט	14
71		אַלע קאָמבינאַציעס		159

געמישטע חתונות מיט יידן איז נישט נאָר חתונה האָבן מיט עמעצן פון אַן אַנדער גלויבן, נאָר אויך פון אַן אַנדער ציוויליזאַציע.

פּאָול פּאָפּינאָ *) ציטירט אַ פאַקט פון אַ חתונה פון אַ קריסט מיט אַ יידישער פרוי פון אַן אָרטאָדאָקסישער משפחה. „ווען איך האָב חתונה גע־

* Modern marriage, Macmilian, 1946, pp. 83-85.

האָט מיט רבקהן, דערקלערט דזשאָרדזש, האָב איך פאַרזען, אַז די יידן האָבן נישט נאָר אַ באַזונדערע רעליגיע נאָר אויך אַ קולטור. רבקה האָט געקענט אויפגעבן איר רעליגיע, נאָר בשום אופן נישט איר קולטור, אין וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן". דזשאָרדזש דערציילט ווי אַזוי זיי זענען איינגע־לאַדן געוואָרן צו רבקהס עלטערן און דאָרטן זענען געווען פעטערס און מומעס; ווי אַזוי זיי האָבן געהאַט זייערע רמזים, זייערע וויצן אַזוי אַז ער האָט זיך געפילט אין גאַנצן אַ פרעמדער. „איך האָב זיך געפילט דערשטיקט; די מאכלים, די שמועסן, די מענטשן זענען נישט פון מיין סאָרט.

דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות ביי קאַטאָליקן איז אַ סך גרעסער ווי ביי יידן. פאָלגנדע טאַבעלע ווייזט אונדז

טאַבעלע פון געמישטע חתונות פון 7 אַרציביסקופשאַפטן און 43 ביסקופשאַפטן פאַר די יאָרן 1932—1942

יאָר	חתונות	ריין קאַטוילישע חתונות	געמישטע חתונות: צאָלן	געמישטע חתונות: פּראָצ' פון אַלע חתונות	פּראָצ' מיט קאַט' כלות
1932	59.329	42.196	17.133	28	59,5
1933	66.198	46.869	19.329	28	58,7
1934	91.179	67.354	23.825	25	60,1
1935	83.397	58.377	25.020	29	59,9
1936	90.712	63.651	27.061	29	62,9
1937	94.582	65.759	28.823	30	61,5
1938	92.198	64.044	28.154	30	59,8
1939	102.831	71.865	30.966	29	61,7
1940	114.985	79.153	35.382	30	60,8
1941	117.440	79.583	37.857	31	59,9

ס׳מוז זײַן קלאָר, אַז דער פּראָצענט פון גטן און צעשיידונגען איז גרויס צווישן די געמישטע חתונות. אַ צאָל פון 26 טויזנט חתונות איז אויסגעפאָרשט געוואָרן פון פאַרשיידענע געלערנטע. איין פאָרשער פון 1.046 חתונות האָט פעסטגעשטעלט, אַז 12,5% פון אָפיציעלע חתונות און 15,1% פון אומאָפיציעלע חתונות האָבן זיך געגט. אַ צווייטער פאָרשער האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון 4,108 חתונות האָבן זיך פון קאַטאָליק מיט קאַטאָליק געגט 4%; פון ייִד מיט ייִד — 5%; פון פּראָטעסטאַנט מיט פּראָטעסטאַנט — 6%, אין דער צײַט ווען פון חתונות פון קאַטאָליקן מיט פּראָטעסטאַנטן האָבן זיך געגט 14%.

II.

געמישטע חתונות ביי יידן

דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות גייט נישט אַראָפּ פון סדר־היום פון אונדזער ייִדישן לעבן. ווי אַ פאָלק, וואָס האָט שטענדיק געלעבט צווישן אַנדערע פעלקער, זענען מיר אויסגעשטעלט אויף געמישטע חתונות. באַזונדערס איז דאָס פּראָבלעם שאַרף אינעם לעצטן יאָרהונדערט.

פיל האַלטן, אַז געמישטע חתונות רויִנירן אונדזער לעבן. זיי גלייבן, אַז אין די תּפוצות און אין גלות שטייען מיר פאַר דער געפאַר פון צעפאַלונג; אַנדערע זענען נישט אַזוי פּעסימיסטיש. אַלע האַלטן אָבער, אַז מע מוז זיך אַנטקעגנשטעלן דער כוואַליע פון געמישטע חתונות.

נישט נאָר בײַ ייִדן איז דאָ דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. עס עקזיסטירט אויך בײַ אַנדערע פעלקער. אויך זיי זענען קעגן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך מתחתן זײַן מיט מענטשן נישט פון זייער פאָלק.

ייִדן זענען אַפילו קעגן חתונות מיט ייִדן פון נישט דעם זעלביקן אָפּשטאַם — אַשכּנזים מיט ספרדים. ערשט אין די פערציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען די ערשטע חתונות פון ספרדים און אַשכּנזים אין אַרגענטינע, ווו עס איז דאָ אַ באַדײַטנדע ספרדישע קהילה. אין אָנהייב האָט מען אויף דעם געקוקט קרום. אין קאַנאַדע, ווו עס איז דאָ אַ גרויסע ספרדישע קהילה, קומען זעלטן פאָר „געמישטע" חתונות צווישן ספרדים און אַשכּנזים. די באַזונדערע שפּראַכן און מינהגים זענען אַ שטער דערצו. מע איז בײַ דער מיינונג, אַז ס׳וועט זײַן שווער דאָס צוזאַמענלעבן צווישן ייִדן פון פאַרשידענע אָפּשטאַמען.

דער פּראָצעס פון געמישטע חתונות קומט פאָר אין פאַרשידענע באַדינגונגען: נישט־ייִדן זענען זיך מגייר, ווען די ייִדן געפינען זיך אויף אַ העכערן סאָציאַלן שטאַפּל. מאַטעריעלע רײַכקייט שפּילט אַ גרויסע ראָל.

זענען ייִדן אין אַ נידעריקן סאָציאַלן מצב, איז דער פּראָצעס אַ פּאַרקערטער. בײַ אַ גלײַכן סאָציאַלן מצב איז עס אָפּהענגיק פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן פון דעם געגעבענעם פּאָרל און זייערע עלטערן.

ווען ייִדן האָבן געלעבט אין געטאָס, איזאָלירט און דעגראַדירט, זענען קיין געמישטע חתונות נישט פּאָרגעקומען; האָבן אָבער ייִדן געלעבט פרײַ, ווי אַלע בירגערס פון לאַנד, זענען געמישטע חתונות געווען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון די באַדינגונגען. וואָס מער ליבעראַל אַ לאַנד איז געווען און די ייִדן עמאַנציפּירט, אַלץ מער זענען פּאָרגעקומען געמישטע חתונות. אין אַ לאַנד, ווו ייִדן זענען געווען באַגרענעצט אין זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט, זענען פּאָרגעקומען ווייניקער געמישטע חתונות; און ווען זיי זענען יאָ פּאָרגעקומען, האָבן זיך ייִדן געשמדט, כדי די חתונה זאָל צו שטאַנד קומען.

אַפילו צווישן ליטווישע ייִדן און גאַליציאַנער איז דאָ אַן אומווילן פון דערנענטערונג. „איך בין אַ געשטראָפטער, אַ גאַליציאַנער" — זאָגן אויף זיך גאַליציאַנער. ליטווישע ייִדן באַמיִען זיך מתחתן צו זײַן מיט ליטוואַקעס, וועלכע האַלטן זיך פאַר מער ייִדיש קולטורעל... נישט אומזיסט ווערט ווילנע אָנגערופן „ירושלים דליטא".

עס איז באַוווּסט, אַז וואָס מער ייִדן זענען קאָנצענטרירט אין באַשטימטע געגנטן פון אַ שטאָט, אַלץ ווייניקער זענען די פאַלן פון געמישטע חתונות. קיין סגולה קעגן געמישטע חתונות איז דאָס אָבער לגמרי נישט. דער פּראָצעס שפּאַנט אַריבער אַלע באַריערן.

אַ פּאָר ציפערן וועלן דאָס אילוסטרירן:

אין סאַן־פראַנציסקאָ דערגרייכט די צאָל געמישטע חתונות 17,2%; אין וואַשינגטאָן 12,2%; אין ווירדזשיניע 34%; אין מאַרין קאָונטי — 37%.

דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר בײַ נישט־ייִדן; באַסאַרד און באַל דערציילן אונדז, אַז אין דעם פּאַראַייניקטן לוטעראַנישן קלויסטער האָבן חתונה געהאַט 20,5 % רוימיש־קאַטוילישע און 23,7 % פּראָטעסטאַנטן פון אַנדערע דענאָמינאַציעס. דער פּאָטער טאָמאַס באַריכטעט אַז בערך אַ פערטל אָדער אַ דריטל קאַטאָליקן האָבן חתונה מיט נישט קיין קאַטאָליקן.

דער מאַריגאַנאַלער מענטש איז איצט זייער אַ פּאָפּולערע דערשײַנונג, און ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך. איבערהויפּט איז די דערשײַנונג

כאַראַקטעריסטיש בײַ קינדער פון אימיגראַנטישע עלטערן. זיי ליידן פון אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס און זיי ווילן זיך אַרויסדראַפּען אויף אַ העכערן סאָציאַלן שטאַפּל פונעם געזעלשאַפטלעכן לייטער.

מיר האָבן זיי אין אַ גרויסער צאָל אין דעם פּאָליטישן לעבן, ווי אין רעליגיעזן. אַ סך רעפּובליקאַנער, וואָס זענען אָנגעשטעלט אין דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, זענען מאַריגאַנאַל — עס ציט זיי צו די דעמאָקראַטן, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות קענען זיי צו זיי נישט אַריבערגיין. אַ סך פּראָטעסטאַנטן זענען נאָך קענעדיס דערווײלט ווערן אַלס פּרעזידענט גע־וואָרן מאַריגאַנאַלע מענטשן. דאָס זעלביקע קומט פאָר בײַ ייִדן. פיל ייִדן זענען צוליב דער אָדער אַנדערער סיבה מאַריגאַנעל. אַפּילו אינערהאַלב דעם ייִדנטום זענען דאָ פיל מאַריגאַנאַלע ייִדן. אַ סך אָרטאָדאָקסישע ייִדן ווערן קאָנסערוואַטיוו און צום סוף רעפאָרמערס, נישט מחמת איבערצײַגונג, נאָר ווײַל עס איז אַ מאָדע־זאַך. עס איז קאָנווענציאָנעל. מענטשן פון איין סאָציאַלן קלאַס גייען אַריבער אין אַ העכערן שטאַנד — אַרבעטערס גייען אַריבער אין בירגערטום־קלאַס. דאָס מאַריגאַנעלישקייט איז אויך אין פיל פאַלן אַ טריט צו געמישטע חתונות.

ייִדן מוזן זיך רעכענען מיט דער טענדענץ פון דער וואַקסנדיקער צאָל געמישטע חתונות. דאָס איז דער פּרײַז פון לעבן אין אַ תפוצה, ווי עס איז צפון־ און דרום־אַמעריקע. וואָס זשע קאָן געטאָן ווערן, קלענער צו מאַכן די צאָל געמישטע חתונות, וואָס פרעסט דעם קערפּער פון ייִדישן פאָלק? אַ באַ־שטימט מיטל איז פירן אויפקלערונג־אַרבעט צווישן דערוואַקסענע און אַ געהעריקע דערציִונג פון וואַקסנדיקן ייִדישן דור; זאָרגן, אַז די געמישטע חתונות זאָלן ברענגען וואָס ווייניקער שאָדן, אַז זייערע היימען זאָלן זײַן אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלער ייִדישקייט.

ס׳מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז געמישטע חתונות פירן סוף־כל־סוף דערצו, אַז ווען אַפּילו דער נישט־ייִד גייט אַריבער צום ייִדנטום, איז בײַ זײַנע קינדער דאָ אַ טענדענץ צו אַסימילאַציע מיטן שטאַרקן כוח אין דער געזעלשאַפט. קלאָר, אַז פאַר ייִדן מיינט עס: ווערן אויס ייִד!

דער ייִדישער געלערנטער דזש. דרעקסלער דערציילט אין זײַן באַ־ווּסטן בוך וועגן געמישטע חתונות, אַז אין די יאָרן 1908—1912 האָט די צאָל געמישטע חתונות בײַ ייִדן באַטראָפן 13,59%. ווען מען צעגלידערט

עס לויט די דורות, באַקומט זיך, אַז דער ערשטער אימיגראַנטן־דור האָט אַרויסגעגעבן 10,39% געמישטע חתונות, בעת דער צווייטער דור — 34,0%.

דער קאַמף קעגן געמישטע חתונות איז אַלט, ווי די ציוויליזירטע וועלט. אינעם יאָר 368 נק״ג האָט די רוימישע רעגירונג פאַרווערט אַלע געמישטע חתונות.

דער יידישער היסטאָריקער ד״ר יעקב ר. מאַרקוס דערציילט, אַז איינע פון די פיל סיבות, פאַר וואָס דער פויפּסט אינאָסענט דער 3טער האָט אינעם יאָר 115 באַפוילן, אַז די יידן מוזן טראָגן ספּעציעלע קליידער איז, וואָס ער האָט געוואָלט דורך דעם אויסמיידן געמישטע חתונות, וואָס ברענגען שאָדן דעם קלויסטער.

דער רבי ראַלף בלומענטאַל האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן 2000 קריסטלעכע סטודענטן אין 21 אוניווערסיטעטן. ער האָט אויסגעפונען, אַז 60% פון זיי זענען קעגן געמישטע חתונות. אַ סך פון זיי האָבן אָנגעגעבן די סיבה, אַז „די אונטערשיידן אין זייער קולטורעלער ירושה, צוזאַמענלעבן, ווי מנהגים און טראַדיציעס, וואָלטן געשטערט צו זייער גליקלעכן צוזאַמענלעבן״. די סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז די צאָל גטן ביי געמישטע פּאָרלעך איז פיל גרעסער, און דאָס באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון געבראַכטן סטייטמענט.

דער מאַגאַזין „פּאַרטשון״, וואָס האָט אינעם יאָר 1942 דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן סטודענטן פון מיטלשולן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויסגעפונען, אַז 51,6% פון די פּראָטעסטאַנטן און 58,8% קאַטאָליקן זענען קעגן חתונות מיט יידן.

דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות ביי יידן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון 3 פאַרשיידענע פאַקטאָרן:

1) די געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרהעלטעניש צום אַרום;

2) די פּאָליטיש־רעכטלעכע לאַגע פון די יידן;

3) דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין.

וואָס גרעסער עס איז דער פּראָצענט פון יידן לגבי דעם אַרום, אַלץ קלענער זענען די שאַנסן פון געמישטע חתונות. די לעצטע זענען, פאַרקערט, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל פון יידן אין אַ געגעבענעם אָרט. אין

אַ שטאָט אָדער שטעטל ווו יידן באַטרעפן, לאָמיר זאָגן, 80% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, זענען פאַראַן ווייניקער געלעגנהייטן פאַר מיידלעך צו טרעפן זיך מיט קריסטלעכע בחורים. פאַרקערט איז די לאַגע אין אַן אָרט, ווו יידן באַטרעפן 20% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אין אַ לאַנד, ווו יידן זענען פאַרפאָלגט, איז דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין שטאַרקער. רעליגיעזע אָדער קולטורעלע פאַרפאָלגונגען צעמענטירן די אייניקייט ביי יידן (ווי ביי אַלע פעלקער). פון דער אַנדערער זייט, ווילן נישט די נישט־יידן זיך מתחתן זיין מיט עמעצן פון אַ פאַרפאָלגטער גרופּע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעזולטאַט פון אַ נעגאַטיווער סיבה.

עס זענען אויך דאָ פּאָזיטיווע סיבות, וואָס פאַרמינערן די צאָל פון געמישטע חתונות. וואָס מער אַ ייד איז צוגעבונדן צו זיין פאָלק, אַ דאַנק דער דערציִונג און יידישער בילדונג וואָס ער באַקומט, וואָס גרעסער זיין נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז, אַלץ קלענער זענען די שאַנסן פון געמישטע חתונות.

אַז ביים ערשטן דור אימיגראַנטן איז דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות צווישן זייערע קינדער קלענער ווי ביים צווייטן דור, באַווייזט פאָלגנדיקע טאַבעלע:

אין ניו־הייווען, לויט אַן אויספאָרשונג פון דער סאָציאָלאָגין רובי קענעדי, איז אין 1870 נישט געווען קיין איין געמישטע חתונה; אין 1930 זענען געווען 3% געמישטע חתונות און אין 1950 — 5,1%.

אין קאַנאַדע זענען אין די יאָרן 1926־30 פאַרגעקומען 3,7% געמישטע חתונות און אין די יאָרן 1956־60 — 10% (ל. ראָזענבערג).

שווין ביים דורכפירן די חתונה שטעלן זיך אַוועק שווועריקייטן; אָט איז אַן אויטענטישער פאַל: אַ יידישער בחור און אַ קאַטוילישע מיידל האָבן זיך פאַרליבט. זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. דער בחור איז געווען אַ פריידענקער, דערצויגן אין אַ משפחה ווו טאַטע־מאַמע זענען געווען קאָמוניסטן און דעריבער, פאַרשטייט זיך, אויך אַטעיִסטן.

דער בחור און דאָס מיידל באַשטימען חתונה צו האָבן. נאַטירלעך, אַז זי וויל אַז די חתונה זאָל פאָרקומען אין אַ קאַטוילישן קלויסטער, דער בחור קומט אַהיים און דערציילט עס דער מוטער.

זי ענטפערט, אַז דאָס קען נישט געשען. זי איז אַן אַגנאָסטישע און אין אַ קלויסטער וועט זי נישט גיין. פאַרוואָס קענט איר נישט חתונה האָבן

ציוויל, אין שטאַט־ראַט? פרעגט די מוטער. זײַן ענטפער איז אַז דאָס מיידל וויל עס בשום אופן נישט. זי זאָגט, אַז ס'איז לאָגיש אַז אויב זיין משפחה איז אַן אַגנאָסטישע און אירע — אַ קאַטוילישע, דאַרף זיי נישט אַרן, אַז די חתונה זאָל זײַן אין אַ קאַטוילישן קלויסטער.

נאָכן איבעררעדן מיט דעם מיידל, קומט דער בחור צו דער מוטער מיט אַ פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן פריִער חתונה האָבן בײַם קאַטוילישן גלח און דערנאָך בײַ אַ ייִדישן רב. אירע עלטערן זײַנען מסכים צו קומען צום רב, זאָל זי מסכים זײַן צו קומען צום גלח.

די מוטער גייט צום רב פרעגן אַ שאלה. דער רב ענטפערט, אַז אַזאַ חופה וקדושין וועט ער נישט געבן, ווײַל דאָס פריִער חתונה האָבן אין אַ קלויסטער מאַכט זיי ביידע פאַר קאַטאָליקן. די חתן־כלה באַשטימען דעריי־בער, אַז זיי וועלן פריִער האָבן אַ ציווילע חתונה און דאַן וועלן ביידנס עלטערן זײַן. דערנאָך וועט אין הויז פון דער כלה און נישט אין קלויסטער קומען דער קאַטוילישער גלח.און זיי נאָך אַמאָל חתונה מאַכן. דעם חתנס מוטער איז נישט איבעריק צופרידן, זי גייט אָבער אויף דעם אײַן בלית ברירה.

ווען מע איז יונג און מע לעבט מער מיט געפילן ווי מיט לאָגיק, איז זיכער פאַראַן שלום צווישן יונגע געליבטע. „אַ לעבן אָפּצולעבן איז אָבער נישט אַ פעלד איבערצוגיין" — זאָגט אַ רוסיש שפריכוואָרט. צווישן אַ פּאָרפאָלק קומען פאָר רײַבונגען. די פראַגע איז נאָר, ווי נישט צו פאַרשאַרפן די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, ווי אַרײַנוועבן זיך אין איין גאַנצקייט בײַ דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דענקען.

דאָס געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע לעבן ברענגט מיט זיך בײַ יעדן פּאָר־פאָלק מיספאַרשטייענישן. ווען אָבער די קליינינקע זאַכעלעך פירן צו גרויסע מיספאַרשטענדענישן, וועלכע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט בײַ אַ פּאָר־פאָלק פון אַ געמישטער הייראַט, וואָס שטאַמען פון היסטאָרישע, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָדער רעליגיעזע באַזונדערקייטן, דאַן איז זייער שווער שלום צו מאַכן צווישן פּאָרפאָלק.

מע קען דערציילן טויזנט און איין מעשה פון גטן בײַ פּאָרפעלקער פון געמישטע חתונות.

זאָל איין מעשה דינען אַלס מוסטער.

אַ בחור און אַ מיידל אין די 20ער; ער — אַ זון פון קאַטוילישע עלטערן, זי — אַ טאָכטער פון יידיש־נאַציאָנאַלע עלטערן, ער און זי, אַגנאָסטיקער, האָבן זיך פאַרליבט. נישט קוקנדיק אויפן פּראָטעסט פון זייערע עלטערן, האָבן זיי באַשלאָסן חתונה צו האָבן. די ערשטע האָניק־יאָרן זענען אַריבער מיט קליינטשיקע מיספאַרשטענדעענישן.

דאָס יונגע פּאָרפּאָלק באַשליסט צו בויען אַ פאַמיליע־לעבן און האָט דאָס ערשטע קינד. איידער אָבער די זאָמען פונעם ערשטן קינד זענען פאַר־זייט געוואָרן האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער דערציִונג פונעם קינד. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט זי עס שיקן אין אַ יידישן לערן־אַנשטאַלט. דער טאַטע איז געווען דורכויס פאַר דעם, אַז דאָס קינד זאָל דערצויגן ווערן אין אַ קאַטוילישער שול.

דער שלום־בית צווישן פּאָרפּאָלק איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די זון הערט אויף צו שיקן אירע שטראַלן אין דעם הויז פונעם פּאָרפּאָלק. אין חשכות האָט זיך דאָס הויז איינגעוויקלט. מע איז אַרומגעגאַנגען פאַרביטערטע און פאַרצאָרנטע איינס קעגן אַנדערן. די ליבלעכקייט און צאַרטקייט פון איינעם צום צווייטן איז פאַרשוווּנדן. עס איז געבליבן נאָר אינעם זכרון פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. חדשים לאַנג האָט איינער נישט געקענט רויִק רעדן צום צווייטן. די טעג האָבן זיך געצויגן צאָרנדיקע און אומעטיקע. מע האָט אַליין געפּרובירט שלום מאַכן צווישן זיך. מע האָט זיך דאָך שטאַרק ליב געהאַט, נישט געקענט אויסקומען איינער אָן צווייטן. בלײַבן אָבער קינדערלאָז, ווײַל מע קען זיך נישט צונויפרעדן וועגן דער דערציִונג פונעם קינד, האָבןביידע נישט געוואָלט.

מע האָט זיך געמוזט צעגיין. האָט מען טעג צווישן זיך נישט גערעדט, און אַ שטילע ליבשאַפט־נאָגעניש האָט גענאָיעט אין ביידנס הערצער. ווי אַזוי קען מען גאַנץ מאַכן דעם ריס? האָט מען ווידער גערעדט און אָבער גערעדט צווישן זיך. גערעדט מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, דערמאָנט די פאַרגאַנגענע יאָרן — יאָרן פון ליבשאַפט און געטרײַשאַפט איינער צום צווייטן, גערעדט, ווי שווער עס וועט זײַן דאָס צעשיידן זיך.

האָט מען עס אָפּגעלייגט אויף נאָך אַ פּאָר חדשים און נאָך אַ פּאָר חדשים. באַשלאָסן נישט צו רעדן צווישן זיך וועגן דעם און ווידער האָט די זון אָנגעהויבן אַרײַנצושײַנען אין זייערע פענצטער.

דאָס אומפאַרמײַדלעכע האָט מען אָבער נישט געקענט אָפּווענדן. צו די „זיבן גוטע יאָר“ איז געקומען אַ סוף. מע האָט ווידער געמוזט רעדן וועגן זעלבן ענין. די אַלט־נײַע פראַגע איז געקומען אין דער גאַנצער נאַקעט־קייט און אַכזריות. ווידער שאַרפע רייד איינער צום צווייטן. דאָס צעשיידן זיך איז געוואָרן אַן אימפעראַטיוו.

מע איז זיך צעגאַנגען ווי גוטע געטרײַע פרײַנט אויף שטענדיק.

עס טרעפט, אַז דאָס פּאָרל באַשטימט, אַז זיי וועלן ביידע געהערן צו איין גלויבן, זיי וועלן זיך באַהעפטן צו איין פאָלק, נאַציאָנאַל, קולטורעל. אין פאַל ווען „דאָס פאָלק“ איז אונדזערס, לײַדן מיר נישט קיין פאַרלוסט, אויב אָבער פאַרקערט, קען אונדזער פאָלק זיך נישט פאַרגינען דעם פאַרלוסט.

געמישטע חתונות זענען דעריבער ניט שטענדיק אַ פאַרלוסט פאַר אונדזער פאָלק. איז דאָך דוד המלך אַרויסגעקומען פון אַזאַ געמישטער חתונה.

נישט אָבער שטענדיק, ווען ביידע באַהעפטן זיך צו איין גלויבן, צו איין פאָלק, ווערט עס פאַרווירקלעכט ווי געהעריק. אין „דזשויִש סאָשעל סטאַדיעס“, באַנד XVI, פֿון 1954, זאָגט דאָרטן רבי ד. מ. איכהאָרן: פיל וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען צום ייִדישן גלויבן, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ ייִדן, באַזוכן נאָך דער חתונה אַ קלויסטער און שיקן זייערע קינדער אין קריסטלעכע שולן. גלח טאָמאַס באַמערקט אויפן זעלבן אָרט, אַז ווען ס׳גייט אַריבער דער האָניק־חודש און די לעבנס־רוטין גייט אַרײַן אין גאַנג, הייבן זיך אָן רײַבונגען.

עס טרעפט אָפט דאָס פאַרקערטע. רבי קירשנבוים, אין זײַן בוך „געמישטע חתונות און די צוקונפט פון די ייִדן“, שרײַבט: „אין פיל פאַלן פון געמישטע חתונות ווערט דאָס פאַרפאָלק אַבסאָרבירט אין דער ייִדישער קהילה און די באַציִונג צו זיי איז ווי צו אַנדערע באַרעכטיקטע מיטגלידער. מיר ווייסן פון שטעט ווו די פּרעזידענטן פון קאָמיוניטי קאָונסילס, פון וועלפעיר פאַנד און בני ברית האָבן נישט קיין ייִדישע פרויען. זייער אָפט זענען אַזעלכע פרויען אַקטיוו אין „הדסה“ און „סיסטער היד“ פון וועלפעיר פאַנד. די ייִדישע עלטערן, וואָס זענען צו ערשט געווען קעגן די חתונות

זענען איצט זייער צופרידן מיט זייערע שנורן. די לעצטע זיצן ביים הויפּט־טיש פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער שרייבער פון די שורות ווייסט וועגן אַ פאַל, ווען אַ קריסטלעכע פרוי האָט זיך מגייר געווען און חתונה געהאַט מיט אַ זון פון אַן אַקטיוון טוער פון אַרבעטער־רינג. נאָך דער חתונה איז אַפילו דאָס הויז פון שווער און שוויגער, וואָס זענען אַגנאָסטיקער, געוואָרן מער יידיש־טראַדיציאָנעל: ווען זייער אַרבעטער־רינג־ברענטש האָט געמאַכט אַ פּורים־פּאַרטי און יעדער האָט געדאַרפט עפּעס ביישטייערן צו דער אונטערנעמונג, איז די גרטע געווען די איינציקע וואָס האָט געבראַכט המן־טאַשן.

מיר האָבן אין אונדזערע רייען אַ גרויסע צאָל ראַנד־יידן (נאָן־קאָמי־טעט דזשאוס, בלע״ז), יידן וואָס האָבן נישט קיין שום פּרינציפּן, זיי גלייבן אין גאָרנישט און טראַכטן נאָר וועגן עולם־הזה. זיי קאָנען זיין זייער פיינע מענטשן, קאָנען אַפילו געהערן צו אַ סינאַגאָגע, זיי האָבן אָבער מיט אונ־דזער יידיש לעבן גאָרנישט צו טאָן. זיי געהערן צו אַ סינאַגאָגע נישט דער־פאַר, ווייל זיי זענען פרומע יידן, וואָס גלייבן אין גאָט און ווענדן זיך צו אים אין אַן עת צרה נאָך אַ ישועה, אָדער זיי דאַנקען גאָט פאַרן גוטס, וואָס ער טוט זיי, געבנבדיק זיי געזונט, הלבשה, אד״גל, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן (זיי מוזן) סאָציאַל זיך אויסלעבן: די נישט־יידן ווילן זיי נישט האָבן אין זייער סביבה. זיי קאָנען אַ גאַנצן טאָג זיך טרעפן מיט נישט־יידן, אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען אין איין ביוראָ אָדער פירן מיט זיי געשעפטן; נאָך דער אַרבעט אָבער ווילן זיי מיט די יידן נישט האָבן צו טאָן. זיי נעמען אָן אַלע מיטלען, כדי אַריינצוגיין אין דער נישט־יידישער סביבה. זיי וואַרפן־אָפּ יידיש אַלס אומגאַנגשפּראַך און באַנוצן זיך — איינציק און אויסשליסלעך מיט דער שפּראַך פון דער הערשנדיקער נאַציע. זיי נעמען איבער זייערע מינהגים אַפילו ביז אַ קריסטמעס־בוים, הגם מע געהערט צו אַ שול אָדער טעמפּל. ביידע געטער לעבן ביי זיי בשלום, נישט ווי אין דער מעשה פון שלום אַש, ווו אַ יידישע פרוי בענטשט ליכט אין איין ווינקל און אין אַ צווייטן שטייט אַ קריסטלעכע פרוי און בעט צו דער איקאָנע. אַ גאַנצן טאָג לעבן זיי צווישן זיך בשלום, זייער פריינטלעך, נאָר די געטער צעטיילן זיי.

לאַיד וואָרנער און לעאָן פּראל אין זייער סאָציאָלאָגישער אַרבעט „די סאָציאַלע סיסטעמען פון די אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס" (ניו־הייווען,

(1945) דערקלערן עס אויף פאָלגנדיקן אופן: „די עטנישע גרופּע (גענעראַ־ציע), געבוירן מעבר־לים און געקומען אַהער אויף דעם קאָנטינענט, איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער אַלטער היים און צו די מענטשן אויף יענער זײַט ים, וואָס לעבן מיט דער אַלטער היים און זענען קנאַפּ פאַראינטערע־סירט אין דער „יענקי סיטי"".

די קינדער פון אימיגראַנטן־דור, דערצויגן אין דעם אַמעריקאַנער שול־סיסטעם ווייסן שוין ווייניק וועגן דער אַלטער היים, אַ חוץ וואָס זיי זעען בײַ דער עטנישער אימיגראַנטן־גרופּע. זיי זאַפּן אין זיך אײַן די פּירונגען און שטרעבונגען פון דער „יענקי־סיטי"־געזעלשאַפט פיל מער ווי זייערע עלטערן, און די אַמעריקאַנער קולטור ווערט זייער קנין. די קינדער פון ערשטן דור און די קינדער פון צווייטן דור זענען שוין סאָציאַל מער אײַנ־געפלאָכטן אין דער „יענקי־סיטי".

דער דאָזיקער פּראָצעס איז מער בולט בײַ נישט־ייִדן ווי בײַ ייִדן, ווי עס באַווײַזט עס אויסגעצייכנט בצלאל שערמאַן אין זײַן בוך „ייִדן און אַנ־דערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן". דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע און אינטעגראַציע קומט פאָר בײַ ייִדן אין אַ פיל קלענערן טעמפּאָ ווי בײַ נישט־ייִדן.

מיר לעבן אין אַ דעקאַדענטישער וועלט. די אידעאַלן, מיט וועלכע די ייִדישע יוגנט האָט געלעבט אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, ווירקן הײַנט נישט אינעם ייִדישן לעבן. מע איז גע־וואָרן פּראַגמאַטיסטן. הײַנט איז דער עיקר וויפל קאַרס אַ משפּחה האָט, וויפל פוטער־מאַנטלען מע פאַרמאָגט. הײַנט איז אָנגעזען נישט דער אינטע־לעקטואַל, נאָר דער וואָס איז רײַך, פאַרמאָגט אַ גרויס שיין הויז מיט אַזוי פיל וואַשצימערן, וויפל מענטשן עס זענען פאַראַן. הײַנט באַרימט מען זיך מיט שיינע קליידער און שיינע צירונג און נישט מיט אַ רײַכער ביבליאָטעק. מעג אַ פּרוי זײַן ווי פּוסט און נישט אינטערעסאַנט, פאַרדעקט זי עס אַלץ מיט טײַערע קאָסטיומען און בריליאַנטן.

ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס שמדן זיך וועט זיי העלפן צו אַ בע־סערן סאָציאַלן צוזאַמענלעבן זיך, וואָלטן זיי געגרן זייער גאָט פאַרטוישט אויף אַן אַנדערן; זיי ווייסן אָבער, אַז דאָס וועט זיי נישט העלפן. דאָס מתחתן זײַן זיך מיט נישט־ייִדן איז אַ סגולה צו דערגרייכן זייער ציל, — זוכט מען

אַזאַ גלעגנהייט. מען איז צופרידן צו וווינען אין אַ נישט־יידישער סביבה. אַזאַ פאַרלוסט דאַרף אונדז נישט זיין וויטיקדיק. עס איז סיי־ווי אַ פאַר־דאַרטער צווייג פון אונדזער פאָלק. די דאָזיקע דערשיינונג איז גילטיק פאַר דער גרעסטער שטאָט און נאָך מער גילטיק אין די קלענערע ישובים.

מיר האָבן פריער דערמאָנט, ווי אַ פאַרל האָט זיך געגט צוליב דער פראַגע פון דער דערציִונג פון די קינדער. וויפל עלטערן אָבער האָבן בכלל אַן אינטערעס צו געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציִונג? האָט מען חתונה און מע ווערט אַמעריקאַנער, קאַנאַדער, אַרגענטינער, ענגלענדער אד״גל, פונקט ווי די לעצטע זענען באמת האַמאַגען. מע לעבט אין איין קול־טור — אין דער הערשנדיקער, און אַ גליד פון יידישן פאָלק ווערט פאַר־דאַרט. דער מיטגליד פון יידישן פאָלק פון פאַר דער חתונה ווערט אויס ייִד נאָך דער חתונה.

די עקסיסטענץ פון יידישקייט איז מעגלעך נאָר אין די באַדינגונגען פון באַוווסטזיניקער אַריינמישונג פון אַלע יידן — ווער אַקטיוו און ווער אַפילו פאַסיוו. אַנדערע פעלקער וועלן נישט אונטערגיין צוליב געמישטע חתונות — די פעלקער, וואָס זענען אַ מערהייט אויף זייער טעריטאָריע. מיט יידן איז עס נישט אַזוי. יידן זענען אַ מינדערהייט אין אַלע תפוצות און גלותן, און זייער עקסיסטענץ איז נישט געזיכערט, אַ חוץ אין מדינת ישראל. דערפאַר איז גרויס אונדזער זאָרג פאַר אונדזער קיום. צוליב דעם — אונדזערע באַמיִונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציִונג פון אונדזערע קינדער. אונדזער קאַמף קעגן אַסימילאַציע, אונדזער שטרעבן צו זיין אַב־דערש נאַציאָנאַל, אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע פעלקער, און אונדזער קעגנערשאַפט קעגן געמישטע חתונות. דאָס לעצטע איז נישט דערפאַר, ווייל מיר האַלטן זיך פאַר אַן „אתה בחרתנו״־פאָלק, נאָר ווייל ס׳גייט אין עצם עקסיסטענץ פון אונדזער פאָלק.

יידיש לעבן איז אונדז הייליק און טייער. דאָס פאַרשווינדן פון יידיש־זיין איז נישט אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. מיר האָבן זייער פיל בייגעטראָגן צו דער וועלט־קולטור, צו איר גייסטיקער דערהייבנקייט און פאַרשענערונג. מוז די מענטשהייט, איר באַוווסטזיניקער טייל, העלפן אונדז אין דעם קאַמף פאַר אונדזער קיום. צום באַדויערן וואַרפט מען אונדז פון צייט צו צייט פאַר שאָוויניזם, ווען מיר טרעטן אַרויס קעגן געמישטע

חתונות. בײַ אונדז איז דאָס, ווי נאָר־וואָס דערמאָנט, נישט צוליב נאַציאָ־נאַלער גאווה, נישט צוליב ראַסיזם, נאָר צוליב אונדזער עקסיסטענץ אַלס אַ באַזונדער פֿאָלק.

געמישטע חתונות קומען־פֿאָר אין קליינע שטעטלעך מער ווי אין גרויסע שטעט. קינדער גייען צוזאַמען אין אוניווערסיטעט, באַזוכן צוזאַמען פֿאַר־ווײַלונג־פּלעצער, מע באַקאַנט זיך מיט אַ קריסטלעכן בחור אָדער מיידל. דער אויסקלײַב צווישן ייִדן איז אַ קלײנער, צוליב דער קלײנער ייִדישער באַפֿעלקערונג. מע פֿאַרליבט זיך און מע האָט חתונה. דאָס איז אויך אָפּ־הענגיק פֿון אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן אין דעם געגעבענעם שטעטל, אויף וויפֿל ס'איז דאָ אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעך לעבן, וואָס זאָל האַלטן די ייִדישע יוגנט, פֿון איין זײַט, סאָציאַל און, פֿון דער אַנדערער זײַט, אויף וויפֿל מע גיט אַ נאַציאָנאַלע דערציִונג דעם אויפֿוואַקסנדיקן דור.

עס טרעפֿן פֿאַלן, אַז קינדער פֿון זייער נאַציאָנאַל־געשטימטע עלטערן, וואָס האָבן באַקומען אַ גוטע ייִדיש־נאַציאָנאַלע דערציִונג, האָבן חתונה מיט נישט־ייִדן. פֿיל פֿון זיי זענען קינדער פֿון ייִדישע שרײַבערס, לערערס, אָרטאָדאָקסן, ווו אין דער היים ווערט אַלץ געפֿירט לויט דער הלכה.

דער אײנציקער ענטפֿער פֿון אַזאַ פֿענאָמען איז, אַז אין די מערסטע פֿאַלן זענען זיך די נישט־ייִדן מגייר און דאָס הויז פֿון דעם געמישטן פּאָרל איז אַן אמת ייִדישס און מיר געווינען פֿון אַזאַ חתונה. די סיבה פֿון דער חתונה — געפֿילן וועגן אַריבער די לאָגיק און מע טראַכט נישט, מע יאָגט אַוועק די צווייפֿלען. אין אַ סך פֿאַלן פֿאַרענדיקט זיך אַזאַ חתונה בכי טוב.

אין בוך „אַמעריקאַן דזשויִש יִיר בוק" פֿון 1963, אַרויסגעגעבן פֿון „דזשויִש פּאַבליקיישאַן סאָסייטי", ווערן געבראַכט ציפֿערן און פֿאַקטן פֿון צווי שטעטלעך. אין איינעם גייט־אָן אַ פֿולסירנדיק ייִדיש לעבן און אין דעם צווייטן פֿעלט עס. ביידע זענען כמעט פֿון דער זעלבער גרייס, — איז די צאָל געמישטע חתונות אין דעם ערשטן שטעטל פֿיל קלענער ווי אין דעם צווייטן. אַלס מוסטער פֿון אַ גרעסערער שטאָט ווערט געבראַכט וואַ־שינגטאָן און אַ ריי קלענערע שטעט אין שטאַט אײַאָוואַ.

אין וואַשינגטאָן, ווו דער פּראָצענט ייִדן לגבי דער גאַנצער באַפֿעל־קערונג האָט באַטראָפֿן 4,7 %, זענען אין 1956 פֿאָרגעקומען 23.313 חתו־נות; פֿון דעם זענען 3051 געווען געמישטע חתונות, וואָס שטעלט מיט זיך

פֿאַר 13,1 %. פֿון דעם זעגען חתונות פֿון ייִדישע מענער מיט נישט־ייִדישע פֿרויען געווען 9,4 פּראָצענט און נישט־ייִדישע מענער מיט ייִדישע פֿרויען 4,5 פּראָצענט. פֿון דעם איז צו זען, אַז נישט־ייִדישע פֿרויען האָבן גערנער חתונה מיט ייִדישע בחורים איידער פֿאַרקערט. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס ייִדישע מענער זיינען בדרך־כּלל בעסער ווי נישט־ייִדישע, צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות.

אין גאַנצן שטאַט אײַאָוואַ, ווו ס׳זענען געווען אין 1960 — 9,100 ייִדן, וואָס האָבן באַטראָפֿן 0,33 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, זענען פֿאָרגעקומען אין משך פֿון די יאָרן 1953־59 — 676 חתונות, פֿון דעם 285 געמישטע, וואָס באַטרעפֿט 42,2 %. פֿון דעם איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות אין די שטעט געווען 34,2 %; אין די שטעטלעך — 64,1 %, אין די דערפֿער 67 %, וואָס עס באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, אַז וואָס גרעסער עס איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג, אַלץ קלענער איז דער פּראָצענט געמיש־טע חתונות.

אין קאַנאַדע זענען אין די יאָרן 1921 — 1960 פֿאָרגעקומען 63,852 ייִדישע חתונות, די צאָל פֿון געמישטע חתונות פֿאַרן זעלבן פּעריאָד איז געווען 3,974, וואָס עס באַטרעפֿט 6,2 %. אין 1921 איז דער פּראָצענט גע־מישטע חתונות פֿון מענער געווען 3,4 %, אין 1960 — 8,5 % און אין 1962 — 12,1 %. ס׳איז, אַלזאָ, צו זען, אַז דער פּראָצענט געמישטע חתונות וואַקסט אין קאַנאַדע.

דער פּראָצענט פֿון געמישטע חתונות צווישן ייִדן אין 1962 איז געווען: 9,4 % אין דער פּראָווינץ פֿון קוויבעק; 11,8 % אין מאַניטאָבע; 21,5 % אין אָנטאַריאָ; 24,5 % אין סאַסקאַטשעווען און אַלבערטאַ; 31,6 % אין ברי־טיש קאָלומביע און 52,9 % אין די אַטלאַנטישע פּראָווינצן. מיר לערנען פֿון דעם, אַז דאָרטן ווו ייִדן וווינען מער אין קליינע שטעטלעך איז דער פּראָצענט פֿון געמישטע חתונות גרעסער. דאָרטן ווו ייִדן וווינען צווישן אַ ווייניקער קולטורעלער באַפֿעלקערונג איז דער פּראָצענט פֿון געמישטע חתונות קלענער.

אומעטום, אין אַלע לענדער, קומען פֿאָר בײַ ייִדן געמישטע חתונות. מיר ברענגען אַ רשימה פֿון אַ ריי לענדער.

לאָנדאָן — 12%; שאָטלאַנד (גלעזגאָ) — 20%; האָלאַנד — 32%; סקאַנדינאַווישע לענדער — 60%; שווייץ — 40%.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז קריסטלעכע בחורים האָבן ווייניקער חתונה מיט ייִדישע מיידלעך ווי ייִדישע בחורים מיט קריסטלעכע מיידלעך. דאָ ברענגען מיר פאָלגנדיקע טאַבעלע, וואָס באַשטעטיקט עס:

אין דייַטשלאַנד	צו קריסטלעכע מיידלעך	צו קריסטלעכע בחורים
1901—1905	8,8	1,6
1906—1910	11,3	9,6
1911—1915	18,9	13,6
1916—1920	17,2	14,2
1921—1925	20,6	13,0
1926—1930	25,7	16,6
1931	26,6	16,9
1932	27,5	17,8
1933	35,5	8,5
1934	18,1	5,2
1935	11,4	1,2
1936	2,1	

אין 1934 הייבט אָן פאַלן דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות. דאָס באַשטעטיקט אונדזער טעזע, אַז מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון די ייִדן פאַלט דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות.

אין קאַנאַדע האָבן לעצטנס 15% ייִדישע בחורים חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע מיידלעך און 8% ייִדישע מיידלעך מיט קריסטלעכע בחורים.

די סיבה דערפון איז, וואָס ייִדישע מענער באַהאַנדלען זייערע פרויען בע־סער ווי קריסטלעכע מענער.

אין מיטל־עלטער זענען געווען פיל געמישטע חתונות. אויך די קריסטן, ווי פריִער דערמאָנט, האָבן זיך זייער שטאַרק קעגנגעשטעלט. א. שטראַוס, אין זײַן „געשיכטע פון די ייִדן אין מצרים און אין סיריע", שרײַבט, אַז צווישן די גולי־ספרד, וואָס זענען געקומען קיין מצרים, זענען געווען פיל פאַלן פון געמישטע חתונות.

קאָנסטאַנטינוס (247—333), דער ערשטער רוימישער קיסר, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט פאַרבאָטן געמישטע חתונות. שפּעטער האָבן די קריסטלעכע גײַסטלעכע גוזר געווען, אַז די קריסטן, וואָס וועלן חתונה האָבן מיט ייִדן, זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון זייערע קהילות, ביז דער באַטרעפנדיקער קריסט וועט נישט מבטל מאַכן זײַן פאַרבינדונג.

דאָס זעלביקע האָבן געטאָן די ייִדישע רבנים.

צום סוף פון מיטל־עלטער, ווען דער סאָציאַלער מצב פון די ייִדן איז געווען אַ שלעכטער, האָבן אויפגעהערט די געמישטע חתונות. אין 16טן און אין 17טן י"ה זענען קיין געמישטע חתונות כמעט נישט געווען.

די שטרענגע געזעצן קעגן געמישטע חתונות — אַ מיטל קעגן אַסימי־לאַציע.

ד"ר ש. רופּין („הסוציולוגיה של היהודים", ערשטער באַנד) שרײַבט, אַז אויך די מערהייט ייִדן, וואָס זענען ווײַט פון ייִדישן גלויבן און ייִדישער קולטור, זענען קעגן געמישטע חתונות, ווײַל דאָס וואָלט זיי אין גאַנצן דער־ווײַטערט פון ייִדן, און דעם ריס ווילן זיי נישט מאַכן.

שאַטאָבריאַן, דער בראַזיליאַנישער שרײַבער, שטרײַכט אונטער, אַז וואָס מער ייִדישע בחורים און מיידלעך ס'וועלן חתונה האָבן מיט בראַזי־ליאַנער, אַלץ קלענער וועט ווערן דער תהום צווישן ייִד און נישט־ייִד און בראַזיל וועט ווערן איין בראַזיליאַניש פאָלק (מיתה בנשיקה — מ. מ.).

די רעפאָרם־רבנים שטעלן זיך נישט קעגן געמישטע חתונות, אויב די ייִדישע עלטערן קענען דערציִען די קינדער זייערע אין ייִדישן גײַסט. אָר־טאָדאָקסישע רבנים, אויף אַ צוזאַמענפאָר אין 1849, טרעטן אַרויס קעגן גע־מישטע חתונות, ווײַל דאָס איז אַן אומגליק פאַרן ייִדישן פאָלק.

ביזן 18טן י״ה זענען חתונות פֿאָרגעקומען נאָר רעליגיעזע. נאָך דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע פֿון 1789, ווערט אינעם יאָר 1792 אײַנגעפֿירט אַ געזעץ וועגן ציווילע חתונות. אין 1806 פֿירט נאַפּאָלעאָן דורך אַ געזעץ, אַז רבנים טאָרן נישט דורכפֿירן קיין חופּה וקידושין, ביז דאָס פּאָרל האָט נישט געהאַט קיין ציווילע חתונה.

וואָס לעבן־איבער קינדער פֿון געמישטע חתונות? לאָמיר ברענגען אונדזערע לייענער אַן אויטענטישע געשיכטע, גענומען פֿון בוך: „געמישטע חתונות" פֿון אַלבערט גאָרדאָן:

„מײַן ווײַב און איך האָבן אַן ערנסטן פּראָבלעם. מיר זענען געקומען צו דיר מיט דער האָפֿענונג, אַז דו קענסט אונדז העלפֿן. מיר זענען פֿון אַ געמישטער חתונה: איך בין אַ ייִד און מײַן פֿרוי איז אַ קאַטוילישע, זי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פֿאַר אַ געטרײַער קאַטאָליקין.

„איך האָב באַגעגנט מײַן איצטיקע פֿרוי שאַרלאָט 2 יאָר איידער מיר האָבן חתונה געהאַט. מיר האָבן זיך פֿאַרליבט פֿון ערשטן קוק. איצט בין איך נישט אַזאַ ייִד ווי פֿאַר דער חתונה. איך ווייס ווייניק וועגן ייִדישקייט. איך האָב געהאַט מײַן בר־מצווה. מײַנע עלטערן באַלאַנגען צו אַן אָרטאָ־דאָקסישער שול און אונדזערע באַציִונגען זענען געווען זייער גוטע. איך ווייס נישט צי איך בין אַ גוטער ייִד, אָבער אַ ייִד בין איך.

„ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערציילט מײַן מאַמען וועגן שאַר־לאָטן, איז זי געוואָרן היסטעריש. אין אַ שטיקל צײַט אַרום, ווען זי האָט זיך צוגעוווינט צום געדאַנק וועגן מײַן גיין חתונה האָבן מיט שאַרלאָטן, האָט זי עס פֿאָרט נישט געקענט אַקצעפּטירן, ווײַל שאַרלאָט איז אַ קאַטוילישע. זי האָט זי ליב, ווײַל זי איז זייער אַ ליבער מענטש. זי איז אַ קאָלעדזש־גראַדויִרטע און אַן אָנגענעמע פּערזאָן, אָבער פֿאָרט אַ קאַטוילישע. ביז הײַנט צו טאָג קען מײַן מאַמע נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מײַן פֿרוי איז אַ קאַטוילישע. מײַן טאַטע האָט גענומען דעם ענין פֿילאָסאָפֿיש, אָבער ער איז ווײַט געווען פֿון צו זײַן צופֿרידן.

„שאַרלאָט האָט אויך געהאַט שווערע מאָמענטן פֿון אירע עלטערן, אָבער נישט אַזוי ווי איך. אירע עלטערן זענען נישט געווען איבעריק צופֿרידן וואָס זי האָט חתונה מיט אַ ייִדן. ווען אָבער, זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך

בין גרייט חתונה צו האָבן אין אַ קלויסטער, וואָס עס מיינט, אַז די קינדער וועלן זײַן קאַטוילישע, זענען זיי מסכים געווען אויפֿן שידוך.

„עס איז שוין 2 יאָר נאָך אונדזער חתונה. מיר האָבן אַ מיידעלע פון 6 חדשים און מיר זענען אַ גליקלעכע פאַמיליע.

„פון דעם חתונה־טאָג אָן האָב איך געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל בנוגע דערציִען אונדזערע קינדער אין קאַטוילישן גײַסט. איך פיל נישט קיין קעגנערשאַפט צום קאַטאָליציזם. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס איך בין נישט געווען קיין באַוווסטזיניקער ייִד, האָב איך דאָך געהאָפט, אַז מײַנע קינדער וועלן זײַן ייִדן. איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן געפיל וועגן דערציִען מײַנע קינדער אַלס ייִדן. איך פיל, אַז איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, און האָב נישט ערנסט געטראַכט וועגן דעם פּאָר דער חתונה, ווײַל עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עס איז אַזוי ווײַט צו דעם וואָס וועט געשען.

„איצט וויל איך, אַז מײַן טאָכטער זאָל דערצויגן ווערן אַלס ייִדישע. שאַרלאָט וואָלט דערצו מסכים געווען. זי איז נישט קיין הייסע קאַטאָליקין, אָבער אונדזער הויז וואָלט געווען צעטיילט לויט באַזונדערע גלויבנס און ס׳וואָלט נישט געקאָנט זײַן קיין שלום־בית. זאָל איך דערלויבן, אַז מײַן טאָכטער זאָל דערצויגן ווערן אַלס קאַטאָליקין? מײַנע געפילן זאָגן מיר אונטער, אַז מײַן טאָכטער דאַרף זײַן אַ ייִדישע. אויך איך פיל זיך ווי אַ ייִד, הגם איך האָב חתונה געהאַט בײַ אַ גלח. שאַרלאָט איז נישט קיין פאַנאַטישע קאַטאָליקין. מיר ביידע ווילן דאָס גליק פון אונדזער טעכטערל. איז וואָס זאָלן מיר טאָן?״

דער מחבר פונעם בוך דערקלערט, אַז דאָס פּראָבלעם איז ווײַט נישט לײַכט צו לייזן. דער איינציקער אויסוועג איז צו זאָרגן דערפאַר, אַז די פרוי שאַרלאָט זאָל פאַרלאָזן איר גלויבן און ווערן אַ ייִדישע. וועט זי עס וועלן? אויב זי וועט דערצו נישט מסכים זײַן, איז די לאַגע פון דעם מיידעלע ווײַט נישט קיין גוטע.

אַ צווייטער פאַל:

„איך בין שוין 2 יאָר פאַרהייראַט, איך דערוואַרט אַ קינד אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. איך און מײַן מאַן זענען פון צוויי באַזונדערע גלויבנס. ביז

איצט האָט עס נישט אַרײַנגעבראַכט קיין פּירוד אין אונדזער לעבן. מיר האָבן געהאַט די הסכמה פון אונדזערע עלטערן.

„הגם מיר האָבן — איך און מײַן מאַן — געלעבט זייער בשלום און נישט געהאַט קיין שום אַרגומענטן בנוגע אונדזערע באַזונדערע רעליגיע־אַפּילירונגען, שטייט איצט די פראַגע ווי צו דערציִען אונדזער צוקונפטיק קינד. מײַן מאַן זאָגט, אַז דאָס קינד דאַרף דערצויגן ווערן אין זײַן גלויבן. עס וועט טראָגן זײַן פאַמיליען־נאָמען, דאַרף עס אויך זײַן פון זײַן רעליגיע. ווי קענען מיר לייזן די פראַגע אויף אַ פרײַנדלעכן אופן?"

דער ענטפער איז געווען, אַז דערציִען אַ קינד קאָן מען אין אַ פאַראייניקטער משפּחה און די עלטערן דאַרפן דעצידירן צו וועלכן גלויבן ביידע דאַרפן געהערן.

„איך בין נישט קיין גלויביקער. איך בין אָבער אַ ייִד, און איך וויל, אַז מײַנע קינדער זאָלן זײַן ייִדן. זיי דאַרפן קענען ייִדישע געשיכטע, העברעיִש; כ׳וויל אַז מײַן זון זאָל האָבן אַ בר־מצווה, ווי איך האָב עס געהאַט. מוז ער גיין אין אַ העברעיִשער שול.

„מײַן פרוי האָט טענות, אַז פאַר דער חתונה האָב איך געזאָגט, אַז מיר זאָלן באַשליסן צו געהערן צו אַ „נייטראַלער" רעליגיע — די אוניטאַריער. איצט קען איך דאָס נישט טאָן. זי איז אַ „קאָנגרעגעשיאָנאַליסטין" (סעקטע פון קאַטאָליקן — מ. מ.), און וויל, אַז דאָס קינד זאָל באַלאַנגען צו איר קלויסטער. קיין קאָמפּראָמיסן קען מען דאָ נישט מאַכן. מיר האָבן חתונה געהאַט בײַ אַ ריכטער, כדי אויסצומײַדן דעם ענין רעליגיעזע אַפּיליאַציע. איצט זעען מיר, אַז מיר האָבן געטריבן די רעליגיע דורכן פענצטער, קומט זי צו אונדז דורך דער טיר".

דער ענטפער איז, אַז ווען אַפילו די עלטערן זאָלן נישט האָבן קיין שום רעליגיעזע אַפּיליאַציע, ווען ס׳וועט אָבער קומען קריסטמעס־צײַט, וועט די שטאָט זײַן פול מיט קריסטמעס־ביימער; ווען ס׳וועט קומען חנוכה אָדער פּסח, וועט די ייִדישע גאַס זײַן פול מיט חנוכה־לעמפּלעך אָדער מצות. די באָבע־זיידעס וועלן האָבן זייערע יום־טובים געפײַערט אויף באַזונדערע אופנים, אַפילו ווען זיי זענען נישט רעליגיעז. דאָס קינד וועט זײַן פאַרלוירן און צעמישט. וואָס איז עס? וועלכע יום־טובים פײַערט עס? דאָס קינד וועט

קומען צו די עלטערן מיט אַזעלכע קשיות. די עלטערן וועלן נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. אַנדערע פירן זיך, אַז די ייִנגלעך דאַרפן גיין אין דעם טאַטנס וועגן און די מיידלעך אין דער מאַמעס וועגן. דאָס וועט אָבער זײַן צום שאָדן פון די קינדער. אין הויז וועט נישט זײַן קיין האַרמאָניע און שלום־בית.

דאָס בוך פון אַלבערט י. גאָרדאָן ברענגט אַ ריי בײַשפּילן וועגן קינ־דער־טראַגעדיעס בײַ געמישטע פּאָרפּעלקער. עס וואַקסן אויס נעוראָטישע קינדער.

III

דער תנ״ך וועגן געמישטע חתונות

וואָס לערנט אונדז דער תנ״ך וועגן געמישטע חתונות?

שוין דער ערשטער ייִד, אַברהם אָבינו, שיקט זײַן קנעכט אליעזר צו זײַן אָפּשטאַם, צו נעמען אַ ווײַב פֿאַר זײַן זון יצחק.

בראשית כ״ד, ב׳, ד׳: האָט אַברהם געזאָגט צו זײַן קנעכט, דעם עלט־סטן פֿון זײַן הויז, וואָס האָט געוועלטיקט איבער אַלץ וואָס ער האָט גע־האַט: טו, איך בעט דיך, דײַן האַנט אונטער מײַן דיך, איך וועל דיך באַ־שווערן בײַ יהוה דעם גאָט פֿון דער ערד, אַז דו זאָלסט נישט נעמען קיין ווײַב פֿון דעם כנעני וואָס איך זיץ צווישן אים, נײַערט צו מײַן לאַנד און צו מײַן אָפּשטאַם זאָלסטו גיין און נעמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון, פֿאַר יצחקן.

אויך יצחק האָט געהייסן יעקבן נישט צו נעמען קיין ווײַב פֿון די כנענים.

בראשית כ״ח, א׳, ב׳: האָט יצחק גערופֿן יעקבן, און האָט אים גע־בענטשט און האָט אים באַפֿוילן און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט נישט נע־מען קיין ווײַב פֿון די טעכטער פֿון כנען, שטיי־אויף, גיי קיין פּדן אַרם, צו דעם הויז פֿון בתואל, דײַן מוטערס פֿאָטער און נעם דיר פֿון דאָרטן אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון לבן, דײַן מוטערס ברודער.

שמות ל״ד, ט״ו—ט״ז: טאָמער וועסטו שליסן אַ בונד מיט די באַוווי־נערס פֿון לאַנד און זיי וועלן זײַן פֿאַרפֿירט נאָך זייערע געטער, און שלאַכטן צו זייערע געטער, וועלן זיי דיך רופֿן און וועסט עסן פֿון זייער שלאַכט־אָפּפֿער און וועסט נעמען פֿון זייערע טעכטער פֿאַר דײַנע זין און זייערע טעכטער וועלן זײַן פֿאַרפֿירט נאָך זייערע געטער און וועלן פֿאַרפֿירן דײַנע זין נאָך זייערע געטער.

דברים כ״א, י— י״ד: און אַז דו וועסט אַרויסגיין אַקעגן דײַנע פֿײַנד

און יהוה דײַן גאָט וועט זיי געבן אין דײַן האַנט און וועסט פֿאַנגען פֿון זיי געפֿאַנגענע און וועסט זען צווישן די געפֿאַנגענע אַ פֿרוי, שיין אין געשטאַלט, און וועסט זי גלוסטן און וועסט זי דיר וועלן נעמען פֿאַר אַ ווײַב, זאָלסטו זי ברענגען אין דײַן הויז און זי זאָל אָפּגאָלן איר קאָפּ און אָפּשנײַדן אירע נעגל, און זי זאָל אויסטאָן פֿון זיך די קליידונג פֿון איר געפֿאַנגענשאַפֿט און זיצן אין דײַן הויז און באַווייגען איר פֿאָטער און מוטער אַ חודש צײַט, און דערנאָך זאָלסטו קומען צו איר און זי דערמאָנען און זי זאָל דיר ווערן פֿאַר אַ ווײַב.

אין „ספר האבלות" (אַ ספר געשריבן אין די צײַטן פֿון יוחנן הורקנוס, אַ הונדערט יאָר פּ"ק — מ.מ.), ווערט געשריבן: אויב עמעצער וועט אויסגעבן זײַן טאָכטער אָדער שוועסטער צו אַ מאַן פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק, זאָל ער פֿאַרשטיינערט ווערן, ווײַל ער האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוסקייט.

דברים ז'—ג' ד': און זאָלסט זיך נישט מתחתן זײַן מיט זיי (מיט די פֿעלקער פֿון כנען — מ. מ.), דײַן טאָכטער זאָלסטו נישט געבן צו זײַן זון און זײַן טאָכטער זאָלסטו נישט נעמען פֿאַר דײַן זון, וואָרעם ער וועט אָפּקערן דײַן זון פֿון הינטער מיר און זיי וועלן דינען פֿרעמדע געטער און דער צאָרן פֿון גאָט וועט קריגן אויף אײַך און ער וועט דיך גיך פֿאַרטיליקן.

בראשית ל"ד—י"ד, ט"ו, ט"ז, י"ז: די זין פֿון יעקב האָבן געענטפֿערט שכמען און זײַן פֿאָטער חמורן, ווען שכם האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט זייער שוועסטער דינהן: מיר קענען נישט טאָן די דאָזיקע זאַך, צו געבן אונדזער שוועסטער צו אַ מאַן וואָס איז אומבאַשניטן, וואָרעם דאָס איז אַ חרפּה פֿאַר אונדז! נאָר מיט דעם באַדינג וועלן מיר אײַנוויליקן צו אײַך: אויב איר וועט ווערן אַזוי ווי מיר און בײַ אײַך זאָל געמלט זײַן איטלעכער מאַנספּאַרשוין, דעמאָלט וועלן מיר אײַך געבן אונדזערע טעכטער, און אײַערע טעכטער וועלן מיר אונדז נעמען און מיר וועלן זיך באַזעצן בײַ אײַך און ווערן איין פֿאָלק. אָבער אַז איר וועט זיך נישט צוהערן צו אונדז זיך צו מלן, וועלן מיר נעמען אונדזערע טעכטער און מיר וועלן אַוועקגיין.

יהושוע כ"ג—י"א: דעריבער זאָלט איר זייער היטן אײַער זעל, ליב צו האָבן אײַער גאָט, וואָרעם אָפּקערן וועט איר זיך אָפּקערן און איר וועט אײַך באַהעפֿטן אין דעם רעשט פֿון די דאָזיקע פֿעלקער, די דאָזיקע וואָס זענען צווישן אײַך, וויסן זאָלט איר וויסן זײַן: אַז יהוה אײַער גאָט וועט

מער נישט פאַרטרײַבן די דאָזיקע פעלקער פון פאַר אײַך און זיי וועלן אײַך זײַן פאַר אַ נעץ, אַ שטרויכלונג, און פאַר אַ רוט אין אײַערע זײַטן און פאַר שטעכערס אין אײַערע אויגן ביז איר וועט אונטערגיין פון דער דאָזיקער גוטער ערד וואָס יהוה אײַער גאָט האָט אײַך געגעבן.

מלאכי ב׳, י״א: געפעלשט האָט יהודה און אומווערדיקייט איז געטאָן געוואָרן אין ישראל און אין ירושלים, וואָרעם פאַרשוועכט האָט יהודה די הייליקייט פון יהוה וואָס ער האָט ליב געהאַט און האָט באַמאַנט די טאָכטער פון אַ פרעמדן גאָט.

עזרא ט׳—י״ב: דאַרום זאָלט איר אַצינד נישט געבן אײַערע טעכטער צו זייערע זין, און זייערע טעכטער זאָלט איר נישט נעמען פאַר אײַערע זין און איר זאָלט אויף אייביק נישט זוכן זייער פרידן און זייער וווילזײַן, כדי איר זאָלט שטאַרק זײַן און עסן דאָס גוטס פון דעם לאַנד און עס לאָזן בירושה צו אײַערע קינדער אויף אייביק.

עזרא ו׳—ב׳, ג׳ י׳ י״א: מיר האָבן געפעלשט אין אונדזער גאָט און האָבן גענומען פרעמדע ווײַבער פון די פעלקער פון לאַנד, אָבער אַצינד איז דאָ אַ האָפענונג פאַר ישראל וועגן דעם און לאָמיר אַצינד שליסן אַ בונד מיט אונדזער גאָט אַוועקצושיקן די אַלע ווײַבער און די וואָס זײַנען געבוירן פו זיי, לויט דער עצה פון גאָט און די וואָס ציטערן איבער דעם געבאָט פון אונדזער גאָט, און זאָל געטאָן ווערן לויט דער תורה. און עזרא דער כוהן איז אויפגעשטאַנען און האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט געפעלשט און האָט גענומען פרעמדע ווײַבער נאָך צוצולייגן צו דער שולד פון ישראל! און אַצינד גיט אַ ווידוי צו יהוה דעם גאָט פון אײַערע עלטערן און טוט זײַן רצון און שיידט אײַך אָפּ פון די פעלקער פון לאַנד און פון די פרעמדע ווײַבער.

נחמיה י״ג—כ״ג, כ״ד: אויך איך האָב אין יענע טעג געזען יידן וואָס האָבן גענומען אַשדודישע, עמונישע, מואָבישע ווײַבער און זייערע קינדער האַלב גערעדט אַשדודיש און האָבן נישט געקענט יהודיש.

הושע ה׳—ו׳, ז׳: מיט זייערע שאָף און מיט זייערע רינדער וועלן זיי זוכן גאָט, אָבער זיי וועלן נישט געפינען — ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי, זיי האָבן אין גאָט געפעלשט, וואָרעם פרעמדע קינדער האָבן זיי געבוירן (זיי האָבן חתונה געהאַט מיט געצנדינערס).

IV

געמישטע חתונות אין דער יידישער ליטעראַטור

דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווערט זייער ברייט אָפּגעשפּיגלט. עס איז אוממעגלעך און אויך נישט בײַ־טיק אויסצורעכענען און צו באַהאַנדלען אַלע ווערק וועגן דעם ענין. מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט אַ צאָל ווערק אין ייִדיש, העברעיִש און ענגליש. פון די דאָזיקע ווערק וועלן מיר זען, ווי אַזוי געמישטע חתונות ברענגען אומגליק נישט נאָר אונדזער פאָלק, נאָר אויך די באַטרעפנדיקע יחידים וועלכע זענען זיך מתחתן מיט נישט־ייִדן; ווי אַזוי דער „גוי״ שפּרינגט־אַרויס בײַ יעדער געלעגנהייט.

דאָס צוזאַמענלעבן זיך פון אַ פּאָרפאָלק איז גאָר נישט פון די פּשוטע זאַכן. עס קומט גאָר אַזוי גרינג נישט אָן: ווי דער האָניק־חודש גייט אַרי־בער, און מע הייבט אָן אַרומצורײדן דאָס אײַנאָרדענען די צוקונפטיקע גע־מיינזאַמע היים, קומען אַרויס, און דאָס איז זייער נאַטירלעך, פאַרשיידענע מיינונגען.

ס׳איז זייער נאַריש אָפּט מאָל צו הערן פון אַ פּאָרפאָלק: איך האָב אַ גאָלדענעם מאַן, אָדער איך האָב אַ גאָלדענע פרוי. מיר לעבן ווי די טײַבע־לעך, מיר האָבן קיין מאָל נישט קיין דיסקוסיעס. אויב אַ פּאָרפאָלק האָט קיין מאָל נישט קיין דיסקוסיעס, איז עס אַ סימן, אַז יעדער איינער שטיקט אין זיך די חילוקי־דעות, זאָגט זיי נישט אַרויס אָפן. דאָס איז זייער נישט גוט. דאָס קען פירן צו דער רויִנירונג פון געזונט־צושטאַנד. מיינונג־פאַר־שיידנקייטן מוזן אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער אייבערפלאַך; זיי מוזן צווישן פּאָרפאָלק אויסגעדראָשן ווערן. קיינער טאָר נישט אַרומגיין מיט אַ „פולן בויך״ זאָרגן און פאַרדראָסן.

אַ מאָל טרעפט, אַז איינער פון פּאָרפאָלק האָט ממש מורא אַרויסצו־

זאָגן אָפן אַן עוולה וואָס איז געטאָן געוואָרן צו אים אָדער צו איר, ווײַל דער צווייטער איז אַ היציקער און מע וויל עס בעסער פאַרשווײַגן. איז אויב דער ענין איז נישט קיין וויכטיקער, דאַרף מען טאַקע פאַרשווײַגן און נישט מאַכן קיין צימעס פון אַ קלייניקייט, פאַרגעסן עס. אויב אָבער, דער ענין איז אַ וויכטיקער, אויב עס קאָן לאָזן אַ שטעמפּל אינעם לעבן פון פאָרפאָלק, מוז מען עס אויסדרעשן, מוז מען ווי געהעריק דורכריידן, דורכשמועסן, אַנאַליזירן די מיינונג־פאַרשיידנקייטן. מע דאַרף זיך בזמנען צו ריידן מענטשלעך, אינטעליגענט, זיך נישט אײַנשפּאַרן אויף אַ קוצו־של־יוד און שטרעבן צו קומען צו אַ הסכם. דעם שמועס פירן אויף אַזאַ אופן, מע זאָל זיך תיכף ומיד נאָכן שמועס קענען אָנקוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים. אָבער מענטשן זענען דאָך מענטשן, און ווי זאָגט דאָס גלײַכוועטל „און אַ מאָל דאָס אויך נישט", נוצט מען לשם אַרגומענט נישט קיין געהעריקן אויסדרוק — אַ באַליידיקנדיקן, שפּאַרט מען זיך אײַן און מע האַלט זיך בײַ אַן אַרגומענט וואָס איז נישט לאָגיש (און מע וויס טיף בײַ זיך אין האַרצן, אַז עס איז נישט לאָגיש, מע קען אָבער נישט, אָדער מע וויל נישט אָפּטרעטן פון אַן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק).

איז, אויב מענטשן פון דער זעלבער קולטור און ציוויליזאַציע, וועלכע האָבן איין און די זעלבע נאַציאָנאַלע דערציִונג קענען האָבן פאַרשיידענע וועגן בעתן בויען זייער נעסט, זייער היים, קענען אָנווענדן פאַרשיידענע מיטלען ביים דערציִען זייערע קינדער, מכל שכן, מענטשן וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע קולטורן, מענטשן וואָס האָבן פאַרשיידענע קוקפּונקטן, וואָס דאָס איז נאָרמאַל בײַ יעדן פאָלק.

די קומענדיקע זײַטלעך וועלן אילוסטרירן די שוועריקייטן פון געמישטע חתונות און וועלן אויך באַווײַזן, ווי אַזוי דאָס נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע ייִדנטום באַציט זיך צו דעם; ווי אַזוי געמישטע חתונות פירן צו גטן און אַז גטן קומען פאָר פיל מער צווישן געמישטע פאָרפעלקער, ווי ווען מע פאַרבינדט זיך מיט אַ מענטשן פון אייגענעם פאָלק; ווי אַזוי די פראַגע פון דערציִען די קינדער טרעפט זיך אָן אויף פיל שוועריקייטן, אד״גל.

„חוה", פון שלום עליכם

האָט זיך עמעצער געשמדט, איז ער אויסגעמעקט געוואָרן פון דער פאַמיליעס געדעכעניש. ס'איז נישט געווען קיין גרעסערע שאַנד ווי צו האָבן אַ געשמדטן אין דער משפחה. מע איז געזעסן שבעה נאָך דעם געשמדטן, ווײַל ער איז פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ טויטער. אַזאַ פאַל האָבן מיר אין „חוה" (איין דערציילונג פון דער סעריע „טביה דער מילכיקער"), וועלכע האָט זיך געשמדט כדי חתונה צו האָבן מיט אַ קריסט.

טביה דער מילכיקער — דער באַליבטסטער העלד פון שלום עליכמען. ווי עס זאָגט וועגן אים ש. ניגער ע"ה („געקליבענע שריפטן", באַנד III, ש"ע) האָט צווישן זײַנע טעכטער אויך איינע, חוה. פאַרליבט זיך חוה אין אַ קריסט, כוועדקע.

טביה נעמט־אויף אַלע זײַנע צרות מיט אַ סטאָישער רויִקייט. טרעפט עפּעס אַן אומגליק, רעדט ער צו זיך אַליין: „נאַר מסתמא, זאָג איך, באַדאַרף אַזוי צו זײַן, ער איז אויבן, אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זײַנען דאָ אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד. מוזן מיר זאָגן, אַז ער איז גערעכט און זײַן משפּט איז גערעכט, וואָרעם אַז מיר זאָלן וועלן שמועסן דאָס אייגענע טאַקע צוריק, בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שרײַ איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט זאָג איך, איך אַ קליין ווערעמל, וואָס פּויזע אַרום דאָ אויף דער ערד, וואָס אַ מינדסט ווינטעלע, אַז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל־עולם אין איין כהרף־עין, שטעל איך מיך אַרויס מיט מײַן נאַרישן שכל און וויל אים זאָגן דעות, ווי אַזוי צו פירן דאָס וועלטל זײַנס? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, באַדאַרף זײַן אַזוי, וואָס העלפט דאָ טענות?"

אַנדערש איז עס מיט דער געשמדטער חוהן. אָט קומט טביה צוריק פון גלחס הויף, ווו ער דערוויסט זיך, אַז חוה איז געשמדט: „און איך קום צוגיין אַהיים און טרעף מײַן גאָלדע ליגט צונויפגעקוטשובורעט ווי אַ שוואַרצער קנויל אין בעט און האָט שוין מער קיין טרערן נישט אין די אויגן. רוף איך מיך אָן צו איר: „שטיי־אויף מײַן ווײַב, טו־אויס, זאָג איך, די שיך און לאָמיר זיך אַוועקזעצן שבעה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן: ד' נתן, ד' לקח. מיר זענען נישט די ערשטע, מיר זענען נישט די לעצטע,

עלעהיי, לאָז זיך אונדז אויסדאַכטן, זאָג איך, אַז מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין חוה״.

אַט ווערט ער געשטעלט פאַר אַ נסיון. דער גוטער, שטענדיק פאַרגעבנ־דיקער טביה, דער געטרײַער פאָטער טרעפט־אָן חוהן אויף זײַן רײַזע קיין בויבעריק, אַ היים. איז וואָס זשע טוט ער? לאָמיר לאָזן ריידן טביהן אַליין.

„און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי די דאָזיקע מחשבות, דערפיל איך פלוצים אַז מײַן פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט — סטאָפּ. וואָס איז דאָס? איך הייב־אויף די אויגן, איך טו אַ קוק — חוה! די אייגענע חוה וואָס פריִער, נישט געמינערט אַ האָר, אַפילו די מלבושים נישט איבערגעביטן! דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אויף די געדאַנקען — איז אַראָפּצושפּרינגען פון וואָגן און אַרומכאַפּן זי קושן... נאָר באַלד טוט מיר צוריק אַ צי אַ גע־דאַנק: „טביה, וואָס ביסטו אַ ייִדענע?״ און איך טו אַ צי דאָס פערדל — וויאָ, שלימזל! און נעם מיר רעכטס. איך טו אַ קוק — מײַנע אויף רעכטס, מאַכט עפּעס צו מיר מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: שטיי אַ ווײַלע איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן. און עס טוט מיר אַ ריס־אָפּ אינעווייניק און אַ צופּ בײַם האַרצן און איך לאָז־אָפּ הענט און פיס; אָט־אָט טו איך אַ שפּרונג־אַראָפּ פון וואָגן! נאָר איך האַלט מיך אײַן, טו אַ צי דאָס פערדל און נעם מיר לינקס — מײַנע אויך לינקס, קוקט אויף מיר משונה־ווילד, דאָס פּנים טויט. וואָס טוט מען? טראַכט איך מיר. זאָל איך בלײַבן שטיין, צי זאָל איך פאָרן ווײַטער? און איידער איך קוק מיך אַרום — אַהאַ, זי האַלט שוין דאָס פערדל בײַם צוים און מאַכט צו מיר: טאַטע, זאָל איך שטאַרבן, אויב דו וועסט זיך רירן פון אָרט! איך בעט דיר, הער מיך אויס פריִער, טאַטע — פאָטער! „ע, טראַכט איך מיר, — ווילסט מיך נעמען מיט גוואַלד? ניין, נשמה מײַנע! ווי באַלד אַזוי, איז אַ סימן, אַז דו קענסט נישט דעם טאַטן דײַנעם... און דאַוואַי שמײַסן דאָס פערדל אויף וואָס די וועלט שטייט. און מײַן פערדל פאָלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרייט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בשעת מעשה מיט די אויערן. וויאָ, זאָג איך צו דעם, אל תסתכל בקנקן — קוק נישט, חכם מײַנער, אַהין ווו מע דאַרף נישט, און אַליין, מיינט איר, ווילט זיך מיר נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טאָן, כאָטש איין קוק טאָן אַהין — אויף יענעם אָרט, ווו זי איז שטיין געבליבן?... נאָר ניין, טביה

איז נישט קיין יידענע. טביה ווייס, ווי אַזוי מע איז זיך נוהג מיטן שטן המקטרג״.

„קענטאָקי״, פון י. י. שוואַרץ

„קענטאָקי״ איז אַ ווערק פון י. י. שוואַרץ, ווו עס ווערט באַשריבן דאָס אָנקומען פון אַ יידן — דזשאָשואַ־אַברהם, אַן אימיגראַנט, אין דרום פון די פאַראייניקטע שטאַטן. עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער ייד, וועמען די קריסטן רופן דזשאָש, אָרדנט זיך איין און פאַרצווייגט זיך אין לאַנד.

דזשייקאָב, דזשאָשואַס זון, האָט חתונה ביי אַ פּאַסטאָר מיט אַ קריס־טין וויוויאַן, אַ יתומה, וועלכע האָדעוועט זיך ביי אירן אַ פעטער. עס טרעפן זיך די מחותנים — דזשאָשואַ און וויוויאַנס פעטער — און דער לעצטער הייבט־אָן דעם שמועס:

— דזשאָש, אַז ס׳מיידל איז געקומען און געזאָגט, אַז זי האָט זיך פאַר־היירעט מיט דיין זון, האָב איך גלייבן נישט געקענט מיינע אויערן. מיין ברודערס טאָכטער — און דער ייד? אַ פיינע פּאָר. ווען ס׳וואָלט מיין ברו־דער האָוואַרד איצט געלעבט, וואָלט עס מסתמא דערצו נישט געקומען. איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר מאָנאַטן דול, איך שעם זיך אויפצוהייבן מיינע אויגן. דערוויס איך זיך, אַז דו ביסט גאָר פלאַם־פייער, אַרויסגעטריבן פון געשעפט דעם זון, און גיי האָב טענות. נו, דערלעבט זיך צייטן.

ענטפערט סאַרקאַסטיש דזשאָשואַ:

— און איך האָב גאָר יחוס נישט געזוכט.

פעטער: — „אַזוי? איך האָב אַפילו נישט געוואָלט דאָ קומען, קיין כבוד האָב איך נישט פון דיר צו וואַרטן, נאָר מיר געפעלט ווי דו, דזשאָש, ברע־קלסט זיך; איך וואָלט נאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם סוד פון דיין גוואַלדיקן און גרויסן יחוס. צי שטעקט אין דעם, וואָס דיינע עלטער־אָבות, זיי האָבן ניינצן הונדערט יאָר צוריק, געקרייציקט דזשיזוסן?״

דזשאָשואַ ענטפערט גאָרנישט אויף דער בייסיקער באַמערקונג. ער ווייס, אַז די אַלע ניינצן הונדערט יאָר פאַרשפרייטן די קריסטן דעם אומ־געלומפערטן בלבול, אַז יידן האָבן געקרייציקט דזשיזוסן; ער ווייס, אַז אַלע היסטאָריש־לאָגישע באַווייזן, אַז עס איז אַ בייזוויליקער ליגן העלפן נישט.

איז צו וואָס זאָל ער אַרײַנגיין אין אַ וויכוח מיטן אויפגערעגטן פּעטער פון זײַן שנור וויוויאַן? ער וועט דען אים איבערצײַגן, אַז ער זאָגט אַ געמיינעם ליגן? שווײַגט ער בעסער. דאַן הייבט ווידער אָן דער פּעטער:

„נו, דזשאָש, אַ וועלט, אַ וועלט, געדענקסטו כאַטש ווי דו ביסט אַהער געקומען? אַ בעטלער, אַ ציגײַנער אָפּגעריסן, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף אַלע וועגן, צעדאַרט, צעקוואַרט מיט משא אויף די פּלייצעס. איצט ביסטו פעט געוואָרן, דזשאָש, און גלאַט מיט הײַזער און מיט ברײַזער און מזומן — אַ ביסל זיך פאַרפונדעוועט, מיט זײַד און סאַמעט, מיט זילבער און מיט גאָלד, מיט אַלעס גוטן. אַ האַלבע שטאָט געהערט דאָך שוין צו דיר. איך וואָלט געזאָגט, כאָטש, דו שאָצסט עס אָפּ, אַז דו ביסט דאַנקבאַר פאַר דײַן גוטן מזל — איז ניין, דו ברעקלסט זיך און שלײַדערסט זיך און דיר שטייט נאָך נישט אָן מײַן ברודערס טאָכטער. ווי שטייט דאָרט אין דײַן אַלטן טעסטאַמענט: אַז ס'וועט ישורון פעט, איז בריקעט ער".

די דאָזיקע גיפטיקע רייד פון אַ געוויינלעכן אַנטיסעמיט רײַסן זיך אַרויס מיט גאַל פון דעם קריסט צו דעם ייִדן, וועלכן ער וואָרפט־פאָר גרויס רײַכקייט און אומדאַנקבאַרקייט צו אַמעריקע נאָר דערפאַר ווײַל אויך דער ייִד איז נישט צופרידן מיטן שידוך. ער, דער גוי, נאַטירלעך, מעג זײַן נישט צופרידן וואָס זײַן ברודערס טאָכטער איז אַרײַנגעפאַלן צו אַ ייִדן, אָבער ווי האָט די העזה אַ פאַרשאָלטענער ייִד, וועמענס אורעלטערן האָבן געקרײַציקט דזשיזוסן, נאָך צו זײַן אומצופרידן פון דער געמישטער חתונה?

דזשאָש קען נישט בלײַבן גלײַכגילטיק און נישט רעאַגירן אויף די רייד פון אַנטיסעמיטישן מחותן זײַנעם און ער זאָגט אים וואָס אויף זײַן האַרצן דריקט. ער ענטפערט שאַרף און ווירדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ וויר־דיקן מזרח־אייראָפּעיִשן שטאָלצן ייִד, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט אונ־דזער קולטור־ירושה פון טויזנטער יאָרן, וועלכער ווייס, אַז אויך צווישן דער נישט־ייִדישער מערהייט, מוז ער בלײַבן אַ שטאָלצער ייִד, געטרײַ צו זײַן פאָלק. ער זאָגט: „האָסט אַלץ אַרויסגעזאָגט וואָס ס'דריקט דיר, שכן? ווען דו וואָלסט נישט געווען מײַן שנורס אָן אָנקל, וואָלט איך פון דיר דײַן גראָב־קייט נישט גענומען. דאָס האָב איך פון איר כבוד וועגן דיך געשווינט. דו וואַרפסט מיר אויף מײַן עלנט פון אַמאָל און האָסט פון מיר קיין נחת נישט אויך הײַנט; מסתמא איז עס גרויס דיר אין די אויגן. נאָר אָרעמקייט, זאָגט

מען, איז נישט קיין שאַנד, און אויב אַצינד געהערט אַ האַלבע שטאָט צו מיר, ווי דו ווילסט האָבן, איז האָב איך אויף דעם געוויטיקט און געאַר־בעט יאָרן־לאַנג. נישט דאָס אָבער וויל איך דיר אַרויסברענגען: האָסט פריער דאָ פאַרבייגייענד דערמאָנט דעם אַלטן חטא פון מיינע עלטער־אבות, וואָס זיי האָבן דיין גאָט געקרייציקט — דאָס איז אפשר נאָר געווען די ערשטע סיבה, פאַר וואָס כ׳האָב נישט געוואָלט דיין ברודערס טאָכטער; קען זיין, מיט יאָרן שפּעטער, אַז עס וועט דער פלאַם פון יונגן בלוט זיך אָפּקילן, וועט ער, מיין זון, דאָס אייגענע דערהערן פון מויל פון אייגן ווייב, זיין פלייש און בלוט, און דאָס וואָלט זיין צו שרעקלעך. ווייטער אָבער זאָלסטו זיך וועגן דזשייקאָבן נישט זאָרגן: ער וועט שוין, דזשייק, אַליין באַשטיין זיין שטעטל. אַ גוטע נאַכט דיר, שכן״.

אין דער ערשטער צייט איז דאָס הויז פון דזשייק און וויוויאַן — נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט, פול געווען מיט „וואַרעמקייט פון יוגנטלעכער ליבע״, וויוויאַן איז אָבער געווען רעליגיעז געשטימט און יעדן זונטיק פלעגט זי אַוועק אין קירך אַריין — און קומענדיק צוריק מיט פייכטע גרויסע אויגן, פלעגט זי אים איבערגעבן שנעל, באַגייסטערט דעם פּאַסטאָרס פרישע רעדע אין דער קירך און ווי זי איז גערירט געווען פון אַ געדאַנק; זי פלעגט אים מוסרן גאַנץ אָפט, למאַי ער איז צום גלויבן אַזוי גלייכגילטיק: ווי קען אַ מענטש דען לעבן אָן אַ גאָט?

וויוויאַן האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן, דעם יידן, דעם אַג־נאָסטיקער, דעם נישט גלויביקן, זיינען אירע קריסטלעכע ווערטער נישט צום האַרצן און וועלנדיק אים מפצה צו זיין האָט זי ערגעץ ווו געקראָגן צוויי אַלטע מעשענע לייכטערס און פרייטיק, ווען דזשייקאָב פלעגט צוריקקומען אַהיים, פלעגט ער געפינען ברענענדיק צוויי ליכט, מיט פרישע חלות און מיט רויטן ווייַן. אַליין פלעגט זי אַרומגיין אָנגעטאָן אין ווייסן און ס׳האָט דער שבת זיך געשפּירט אין הויז. זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל איר אויס־לערנען די ברכות וואָס מע זאָגט ביים צינדן ליכט, נאָר דזשייקאָב האָט גע־מוזט זיך מודה זיין, אַז ער האָט זיי קיין מאָל נישט געוווּסט.

דער אַלטער דזשאָשואַ האָט זיך געוויצלט, אַז זי, וויוויאַן, איז מערער יידיש קינד ווי זיינע טעכטער און אַז עס ציט זי צו יידישקייט. האָט וויוויאַן געוואָלט ביי זיך און ביי איר ניי־געבוירן קינד שלום מאַכן צווישן ביידע

געטער, דעם ייִדישן און קריסטלעכן: „זי פלעגט טאַקע קיין זונטיק נישט פאַרפעלן צו גיין אין קירך, האָט אָפּגעהיט דאָס קינד זאָל זונטיק גיין אין שול צום אַלטן פּאַסטאָר, נאָר פּריוואַטיק צו נאַכטס האָט זי געצונדן ליכט און ראש־השנה און יום־כיפור פלעגט זי קומען מיטן אַלטן דזשאָש און מיט איר יונגן קינד אין סינאַגאָג אַרײַן, און ס'האָבן זיך די ליטוואַקעס גע־חידושט. מע האָט זיך שטיל געסודעט אויפן אויער — ס'איז שווער געווען אַזוינס גאָר צו באַנעמען".

די זעלבע צעשפּאָלטענע נשמה האָט אויך געהאַט זייער טאָכטער פלאָראַ: געוואַקסן איז זי רעליגיעז און שטיל, ווי עס איז דער שטייגער בײַ באַהאַרצטע קינדער פון ייִדיש־קריסטלעכע געמישטע הייראַטן; פלעגט רעגל־מעסיק גיין אין קירך אַרײַן, פלעגט אָבער אויך די סינאַגאָג באַזוכן אין פּרײַוואַטיקס און ייִדישע יום־טובים.

וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון אַזאַ פלאָראַ, ווען זי איז אויסגעוואַקסן, איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן. זי האָט געמוזט האָבן אַ צעשפּאָלטענע נשמה און דורכלעבן דאָס אַלץ וואָס אַ צעשפּאָלטענע פּער־זענלעכקייט לעבט דורך.

„בבל", פון פּרץ הירשביין

אין דער טרילאָגיע „בבל" פון פּרץ הירשביין, אַ בוך פון 1300 זײַטן, גיט אונדז דער מחבר אַ שלל מיט מאַטעריאַל וועגן געמישטע חתונות און וועגן ייִדיש־קריסטלעכע באַציִונגען.

דניאל, דער זון פון ישראל לוריא, אַן אימיגראַנט פון אייראָפּע, קומט קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה. אין קאַפּיטל 11 דער־ציילט פּרץ הירשביין:

„מער ווי אַ יאָר טראָגט דניאל לוריא אום טיף אין זײַן בלוט דעם סוד וואָס קערעוועט אַזוי אָפּט זײַנע טריט אַהין צו דער גאַס בײַם איסט ריווער, וווּ אין אַ געל טענעמענט הויז אויפן דריטן שטאָק האָט ער אויסגעהאַלטן אַ גרויסן נסיון. די ליבע האָט אים דעמאָלט אויף אַזאַ פלאַ־פלאַ־מדיקן אופן באַגעגנט. אין גרויס אָרעמקייט, בײַ אַ באַליע וועש, אין אַן אָפּגעפאָרענער

שטוב, האָט אים די ליבע באַגעגנט, געקאָרטשעט אין זײַנע אָרעמס, און געריידט צו אים ווערטער וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

דעם מאַן האָט ער דעמאָלט באַגעגנט ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען מיט זײַן פֿעדלער־קעסטל. צוויי קינדערלעך האָט ער דעמאָלט אין שטוב געטראָפֿן. צום צווייטן מאָל האָט זי אים אַליין אויפֿגענומען אין אָרעמע פֿאַרהאָרעוועטע יונגע אָרעמס, אים איבערגעגעבן איר יונגן מוטער־לעכן און פֿאַרהאָרעוועטן גוף. לילי בראַנדט איז איר נאָמען. און כאָטש ער האָט בײַ קיינעם נישט געפֿרעגט ווי אַלט זי איז, שאַצט ער אָפּ אירע יאָרן. מער ווי צוויי און צוואַנציק יאָר איז זי נישט אַלט; זי האָט צוויי קינדער־לעך: אַ מיידעלע פֿון פֿינף יאָר און אַ קינד בײַ דער ברוסט. אַ נישט ייִדיש־קע מיט אַ מאַן און מיט צוויי קינדער".

מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט, אַז ליבע איז בלינד און האָט גאַנץ אָפֿט קיין לאָגיק נישט. לאָגיש קענען מיר נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי און פֿאַר וואָס דניאל פֿאַרליבט זיך אין אַזאַ קריסטין. וואָס אַזוינס האָט ער אין איר דערזען — אַ באַמאַנטע פֿרוי מיט צוויי קליינע קינדער.

„שווער ווערט אים אַרומצושלעפּן זיך אין די גאַסן מיט זײַן ביסל סחורה. קיין שום תּכלית איז שוין מער נישטאָ אין זײַן אומשלעפּן זיך איבער די אָרעמע קוואַרטאַלן. דניאל איז אַוועק לעבן באַזונדער, כּדי צו שפּאָרן געלט. מע האָט אים אין שטוב אַזוי שלעכט פֿאַרשטאַנען. קריינדל, זײַן שוועסטער, האָט אויפֿגעהערט צו רעדן מיט אים דערפֿאַר, און צי דען האָט ער געקענט נעמען און דערציילן קריינדלען צי נתנען, זײַן ברודער, פֿון וועמען ער האַלט אַ סך, צי האָט ער געקענט דערציילן, אַז זײַן האַרץ איז איצטער נישט בײַ אים? ער האָט זײַן האַרץ איבערגעלאָזן אויף אַ דריטן שטאָק, ווי אַ משכּון געלאָזן בײַ אַ נישט ייִדישקע, וואָס האָט אין איינעם מיט זײַן האַרץ די ערד אַרויסגענומען פֿון אונטער זײַנע פֿיס".

ער פֿלעגט אָפֿט קומען צו דעם הויז ווו לילי בראַנדט האָט געוווינט. איין מאָל האָט אים דערזען ליליס מאַן און האָט אים גוט צעבלוטיקט. נאָך לאַנגע אינערלעכע קאַמפֿן ברענגט ער לילין צו זײַן ברודער שלמה און שטעלט זי פֿאָר. שלמה דערוויסט זיך, אַז זי איז נישט קיין ייִדישע. לילי בעט אַז שלמה זאָל זיי ביידן אַליין איבערלאָזן. ווען שלמה איז אַרויסגעגאַנגען האָט זי זיך אַ ריס געטאָן, אַרומגעכאַפּט דניאלן און אים באַשאָטן מיט

קושן און באַגאָסן מיט טרערן. זי האָט געהאַט טענות פאַרוואָס דניאל האָט איר געלאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן. ער האָט זי אַרומגענומען און מיט איר זיך אַראָפגעלאָזן אויף דער פאַרבעטער בעט.

צווישן זיי פאַרפירט זיך אַזאַ שמועס:

— פאַרוואָס דו, שלעכטער איינער, האָסטו פאַרגעסן וואָס איך האָב דיר דעמאָלט געבעטן?

— כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען דײַן שפּראַך. וואָס האָסטו מיר דעמאָלט געזאָגט?

— כ׳האָב דיר געזאָגט זאָלסט אויף מיר וואַרטן בײַם שטוב... האַ, שלעכטער מענטש. פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען?

— איך בין אַ סך מאָל געשטאַנען נעבן דײַן שטוב ביז נאָך האַלבער נאַכט.

זיי צעגייען זיך און טרעפן זיך אָפט צוזאַמען. בײַ אַזאַ באַגעגעניש דערציילט זי אים, אַז זי האָט אים און זײַן פאָלק שטאַרק ליב, אַז ער זאָל זי צונעמען פון איר מאַן, מיט וועמען זי האָט אָפיציעל נישט חתונה געהאַט.

דניאלס שוועסטער קריינדל האָט זיך אַ צי געטאָן צו איר און ווי אַ מאַמע אַרײַנגעכאַפּט די פרעמדע אין אירע אָרעמס.

דניאל איז געוואָרן אַ שם־דבר נישט נאָר אין דער אייגענער משפּחה. דער גאַנצער קרײַז וואָס האָט זיך געדרייט אַרום די לוריאס האָט זיך אַ טשוכע געטאָן פון פאַרגליווערטקייט.

— אין קליין־ניקייט, צוגענומען אַזאַ גראַטענע ווײַבקע בײַ אַ גוי, האָט זי מגייר געווען און איינגעפירט אַ ייִדישע שטוב.

איז אָבער ליליען געשען אַן אומגליק: זי איז מפּיל אַ קינד און זי טראַכט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט:„אַן אָנזאָג אַז בלוט מיט פרעמד בלוט זאָל זיך נישט מישן״.

בשעת זי האָט פאַרשוואַנגערט פון דניאלן מיטן קינד איז זי געקומען צו איר מאַמען אָנזאָגן די בשורה. זי האָט אָבער פון דער מאַמען געקראָגן אַ קאַלטע אויפנאַמע:

— זיי זענען בעסערע מענטשן פון אונדז, זענען ערלעכע מענטשן — האָט ליליען איבערגעחזרט עטלעכע מאָל נאָך דעם ווי די מוטער האָט איר אַ פּראַסקע געטאָן אין פּנים אַרײַן.

— אַ טאָכטער וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעשמירט ס'פּנים, האָב איך נישט געדאַרפט איבערן שוועל אַריבערלאָזן.

קריינדל איז געווען איר ליכטיקער אָנהאַלט. זי האָט אירע יסורים גרינגער געמאַכט. ליליען האָט זיך געטוליעט צו קריינדלען און געזוכט ביי איר אָנהאַלט אין אירע פּיינפולע טעג.

ליליען איז נאָכן מפּיל זיין נישט געשלאָפן די נעכט. קריינדל האָט זי געטרייסט, געזאָגט, אַז זי וועט נאָך האָבן גענוג קינדער.

— איך האָב מורא, אַז ג' האָט מיך באַשטראָפט.

— וואָס פאַר אַ גאָט מיינסטו? איין גאָט איז פאַראַן, ליליען, האָסט דאָך אַליין געזאָגט.

— שווערע געדאַנקען, כ'ווייס גאָרנישט פון וואַנען זיי קומען צו מיר, האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט.

און ליליען חזרט ווידער איבער:

— פאַרוואָס האָב איך קיין מאָל נישט מפּיל געווען? צוויי קינדער האָב איך געהאַט מיט דעם מאַן וואָס האָט מיך אַזוי שרעקלעך באַהאַנדלט; דער מאַן וואָס האָט מיך געשלאָגן און מיינע פאַרדינסטן פאַרשיכורט. פון אים האָב איך אויסגעטראָגן צוויי קינדער און פון דעם מאַן, וואָס צוליב אים בין איך אַוועק פון מיין פאָלק און מיין גלויבן, פון אים האָט מיין לייב דאָס קינד נישט געוואָלט אויסהאַלטן ביז צו דער באַשערטער שעה".

איין מאָל איז ליזאַבעט, ליליענס שוועסטער, צו איר געקומען. ליליען האָט פאַר איר אויסגערעדט איר ביטער האַרץ: „גאָט האָט געזען זאָלסט נישט טראָגן קיין שאַנד אין דיינע געדערים. דעריבער..."

ליליען איז בייז געוואָרן אויף דער שוועסטערס רייד און געזאָגט, אַז ס'זענען נישטאָ קיין אײַרישע און יידן, נאָר מענטשן זענען פאַראַן. ליליען דערציילט איר ווי גוט איר איז דאָ. אָבער אין מיטן פון אַלדאָס גוטס הייבט זי אָן צו בענקען. זי וויל עמעצן פון איריקע האָבן לעבן זיך.

ליליען האָט געוואָלט, אַז ליזאַבעט זאָל זיך פאַרליבן אין איינעם פון אירע שוואָגערס. ליזאַבעט האָט זיך טאַקע פאַרליבט אין איינעם — זכריהן. זי האָט אָבער געוואָלט אויסקויפן די זינד פון איר שוועסטער, און זכריה זאָל ווערן אַ קריסט. ליליען האָט זיך מגייר געווען, זאָל זכריה זיך שמדן. זכריה האָט אָבער אויף דעם בשום אופן נישט מסכים געווען.

הגם ליליען און דניאל האָבן צווישן זיך געלעבט זייער גוט, זײַנען דאָך צווישן זיי פאָרגעקומען צוויסטיקייטן ווײַל „בלוט מישט זיך נישט מיט בלוט".

אָט זאָגט ליליען צו דניאלן:

— כ'האָב פאַרשטאַנען וואָס מר' סעלצער האָט געזאָגט! אַז דאָ וועט מען אויך שלעכטס טאָן יידן. ס'מוז דאָך זײַן אַ פאַרוואָס, אויב יידן ריכטן זיך אַליין, אַז מע וועט זיי טרײַבן פון אומעטום. איז דאָס אמת, אַז מ'האָט זיי פײַנט דערפאַר, ווײַל זיי האַלטן זיך גרויס בײַ זיך?

— חלילה, יידן האַלטן זיך נידעריקער ווי גראָז.

— ווייסט אַליין נישט, יידן זענען גרויסהאַלטער. מײַן שוועסטער, ליזאַבעט זאָגט עס. זי איז אײַנגעליבט אין זכריהן, בעט זי אים ער זאָל איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן, פּאַסט עס אים נישט. דיר וואָלט אויך נישט געפּאַסט, ווען איך פאַרלאַנג עס פון דיר.

— ליליען...

— יע, דניאל ס'איז אַן אמת!

— ...מיטן געדאַנק האָב איך זיך נישט אויסגעמעקט פון יעניקע... ס'איז נישט קיין מלחמה פון וואַנען יידן לויפן. פאַרוואָס שלאָגט מען זיי? פאַרוואָס טרײַבט מען זיי? האָסט מיר דערציילט, ווי מען האָט יידן אַמאָל געטריבן פון שפּאַניע אויך, און פון דייטשלאַנד אויך. ווען איך וואָלט מיט דיר געקומען ווײַנען אין רוסלאַנד, וואָלט מען אונדז פון דאָרטן געטריבן! געמאַכט אויף אונדז פּאָגראָמען. דאָס מיינסטו?

— יאָ ליליען.

— איז אפשר ליזאַבעט גערעכט וואָס זי וויל נישט ווערן קיין יידיש קינד. כ'האָב געקלערט צורעדן ליזאַבעטן, זי זאָל ווערן אַ יידיש קינד. איצטער וועל איך עס נישט טאָן... איך קען נישט פאַרשטיין פאַרוואָס די יידן לאָזן זיך, מ'זאָל זיי טרײַבן, פאַרוואָס פײַטן זיי נישט? אַז מ'מאַכט אַ פּאָגראָם, פאַרוואָס לאָזן זיי זיך?

ליליען רות האָט דניאלן געבראַכט דרײַ קינדער פון וועלכע צוויי לעבן. דאָס עלטערע קינד הייסט דוד־דייוויד, ער איז געגאַנגען אין טאַטנס דרכים. ליליען רות האָט אים געשיקט אין תלמוד־תורה און ער איז געגאַנגען מיטן

טאַטן דאַוונען. דוד האָט אָבער באַוויזן דעם פֿאָטער, אַז דאָ אין אַמעריקע קען מען האָבן זין און שטאַרבן אָן אַ קדיש.

דודן, דניאלס זון, האָט אָנגעהויבן ציִען צו דער נישט־ייִדישער וועלט. ער האָט באַשלאָסן אַרײַנצוגיין אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע צו ווערן אַן אָפֿיציר פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. דניאל איז פֿון דעם נישט איבעריק געווען צופֿרידן. ער האָט באַנומען מיטן שכל, אַז דוד וועט דורך דעם אָוועקגיין פֿון ייִדישקייט. ליליען־רות איז זייער צופֿרידן געווען פֿון דעם. אין זייער איבערריידן זיך וועגן דעם האָט ליליען־רות ווידער אַרויסגעוויזן, אַז בלוט מישט זיך נישט מיט בלוט.

— דיר שטייט נישט אָן אַז דײַן זון זאָל זײַן אַן אָפֿיציר אין דער אַמע־ריקאַנער אַרמיי?

— זײַ נישט אויפֿגערעגט ליליען. איך האָב דיר נישט געזאָגט וואָס מיר שטייט אָן און וואָס עס שטייט נישט אָן. איך בין אַ ייִד און אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז מײַן זון זאָל אויך בלײַבן אַ ייִד.

— אויב ער וועט זײַן אַן אָפֿיציר, קען ער נישט זײַן קיין ייִד? זעסט ווי די פּוסטע גאווה מאַכט דיך פֿאַר אַ נאַר.

דוד האָט דערציילט, אַז ער גייט אַרום מיט ראָז מעקפּאַדן, אַ טאָכטער פֿון ריכטער מעקפּאַדן.

צווישן טאַטע־מאַמע איז אויסגעבראָכן אַ ברוגז:

— איך וויל דיך פֿרעגן, דייוויד, פֿאַרוואָס האַלטסטו זיך — פֿאַר אַ ייִדן צי פֿאַר אַ קריסט? איך פֿרעג עס נישט צוליב דעם וואָס דו גייסט טאָן. ניין, נישט דאָס וויל איך דיר פֿרעגן. פֿאַר דיר איז דאָס נישט קיין סוד, אַז די מאַמע שטאַמט פֿון קריסטן. קענסט איר משפּחה, קענסט די אָנקלס, די טאַנטעס, האָסט געקענט דעם גרענדפּאַ, די גרענדמאַ. די מאַמע איז געוואָרן אַ ייִדיש קינד. דיך האָבן מיר אויך געמאַכט פֿאַר אַ ייִדן; איצטער זעט מיר אויס, אַז סײַ דו, סײַ די מאַמע, ציט איר אויף צוריק".

דייוויד דערקלערט אים, אַז ער פֿילט זיך ווי אַ מענטש, נישט ווי קיין ייִד און ער וויל אַרײַן אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. ענטפֿערט אים דער טאַטע:

— ייִדן האָבן פֿײַנט זעלנער; ייִדן האָבן פֿײַנט מלחמה; ייִדן האָבן פֿײַנט

בלוט־פאַרגיסונג; מיר האָבן נישט קיין אייגן לאַנד; מיר זענען אין גלות; מיר דאַרפֿן נישט האָבן קיין סאָלדאַטן.

צווישן דניאלן און זײַן זון דייוויד קומט פֿאָר זייער אַ לײַדנשאַפֿטלעכער וויכוח און דניאל פֿאַרלאָזט דאָס הויז. ליליען־רות שטראָפֿט איר זון:

— נישט אַזוי באַדאַרפֿסטו רעדן צו אים! ער איז אַ ייִד. ס׳ייִדישע פֿאָלק לײַדט שטאַרק פֿון טויזנטער יאָרן. מ׳יאָגט זיי פֿון לאַנד צו לאַנד, מ׳האָט זיי דאָ אויך נישט ליב. פֿאַר די יאָרן וואָס איך קען דײַן פֿאָ, זע איך, אַז וווּהין נאָר די ייִדן קומען, אַנטלויפֿן די קריסטן. פֿון דאַנען זענען די קריסטן געלאָפֿן אין האַרלעם; איצטער צוליב די ייִדן וואָס האָבן אַהין אַוועקגעצויגן, לויפֿן שוין די קריסטן ווײַטער.

— איז גוט וואָס דײַנע קינדער, היגע געבוירענע, וועלן נישט זײַן מער קיין ייִדן. צוליב וואָס זאָלן זיי לײַדן ווי די עלטערן? מ׳לאַכט דאָ אויס די ייִדן, מאַ. דו אַליין ווייסט ווי מ׳לאַכט זיי אויס. דניאל איז געקומען צו זײַן ברודער.

— שלעכט, זכריה, כ׳הייב אָן אַרויסצוזען, אַז איך האָב געבויט אַ היים אויף זומפּ. איין שונא האָב איך שוין אין שטוב: דייוויד. ער איז אַ מענטש, נישט קיין ייִד.

דניאל האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ נײַער דירה. דאָרטן, האָבן ליליען־רות און ליזאַבעט אַרונטערגעריסן די מזוזות. ליליען־רות, וועלכע האָט זיך מגייר געווען האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוכאַפּן זיך אין קלויסטער אַרײַן.

דער ריכטער מעקפֿאַדן, מיט וועמענס טאָכטער דוד איז אַרומגעגאַנגען, איז געווען אַנטיסעמיש געשטימט. ער איז אַ פּאַציענט פֿון ד״ר זכריה לוריע. איין מאָל האָבן זיי געהאַט אַזאַ מין שמועס:

— כ׳וואָלט באמת געוואָלט, זאָלסט מיר דערקלערן, פֿון וואַנען האָט זיך עס בײַ ייִדן אָנגעזאַמלט אַזוי פֿיל גאווה. איך ווייס, כ׳האָב זיך אַ ביסל אינטערעסירט מיט אַנטראָפּאָלאָגיע: ווי אַ ריכטער האָב איך געוואָלט זיך באַקענען מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון די אַלערליי ראַסן, וואָס האָבן אַהער אין לאַנד אַרײַנגעשטראָמט און דאָ אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך אַזוי געדיכט אָפּגעזעצט. שעם איך זיך נישט דיר צו זאָגן, אַז אײַער „קלעים״ איז אַן אומגערעכטער. כ׳מיין דאָס וואָס איר האָט זיך אײַנגערעדט, אַז איר זײַט

אַ ריינע ראַסע. פון וואַנען קומט צו אײַך אַזוי פיל בלאָנדע ייִדן? בלאָנדע מיט בלויע אויגן. אייערע לוריאַס, דוכט מיר, קומען פון אַ ריינעם סטאַק. כאַ־כאַ־כאַ...

— ס׳איז נישט קיין שטאָלץ און נישט קיין גאווה. ס׳איז גיכער פון אַלץ פחד — האָט לוריא ווי גערעדט פאַר זיך. — ס׳איז שוין דער צווייטער פאַל אין דער לוריא־משפחה; ווען אַ מענטש וויל לעבן, איז עס אַ געזונטער אינסטינקט. ס׳אייגענע אויב אַ פאָלק וויל לעבן.

— דניאל האָט זײַן ווײַב פאַרייִדישט אין גאַנצן.

— איך האָב גאָרנישט קעגן דניאלן. איך האָב אַ ברודער, אפשר קענט איר אים, נייטן, ער איז אַ סאָציאַליסט. ער איז אַוודאי צופרידן מט דער אַסימילאַציע וואָס כאַפּט אַרום געוויסע ווינקלען פון ייִדישן לעבן.

— יעס, דאָקטאָר... ס׳איז זייער אַן ערנסטער ענין. ווי אַזוי וועט אַמע־ריקע אויפגעבויט ווערן, אויב אַן איינהייטלעכער, פּאַטריאָטישער געפיל וועט דאָ נישט אַרומנעמען די גאַנצע באַפעלקערונג? צו מיר אין קאָורט ברענגט מען אַלערליי פאַרברעכערס, פּיקפּאָקעטס, גענגסטערס, און אויך שיכורים; איז וויסטו, מיר פאַרדריסט ביז גאָר, ווען מ׳ברענגט צו מיר אַ ייִדישן פאַרברעכער.

— אָט זעסטו, ווי דו און דײַן גלײַכן ווילט איר, אַז ייִדן זאָלן בלײַבן ייִדן. נאָך מער, איר פאַרלאַנגט, אַז ייִדן זאָלן זײַן בעסער ווי אַנדערע. ווען אַ ייִד גייט פון זיך אַרויס אַ פאַרברעכער, רײַסט עס בײַ אַלעמען די אויגן.

— מעג איך, פון דעסטוועגן, פרעגן בײַ דיר, זאָלסט מיר דערקלערן, פאַרוואָס אין רוסלאַנד באַהאַנדלט מען אַזוי שלעכט די ייִדן? איז דאָס אמת אַז דאָרטן פאַרנעמען זיי זיך מיט אונטערגראָבן דעם צאַרס טראָן?

— מ׳האָט דאָ אויך נישט ליב ייִדן; נאָר דאָ קומט די שנאה נישט צו אַזאַ ברוטאַלן אויסדרוק ווי אין רוסלאַנד.

— דאָס איז נישט אין גאַנצן אמת. כאָטש מיטן שטאַרקן וווקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג באַווײַזט זיך דאָ און דאָרטן אומפרײַנטלעכ־קייט. דאָס איז אימפּאָרטירט געוואָרן פון יענער זײַט ים. אויף אונדזער אַמעריקאַנער באָדן וואַקסט נישט אַזאַ שווײַנערײַ. כאָטש ניו־יאָרק האַלט בײַם ווערן אַ ייִדישע שטאָט.

— ס׳איז נישט קיין געפאַר.

— איך מיין ייִדיש מיט איר גאַנצער סטרוקטור. איך בין אַ געבוירענער אין ניו־יאָרק. איך געדענק גוט ווי האַרלעם האָט אויסגעזען; איך געדענק נאָך גוט ווי בראָנקס האָט אויסגעזען. דאָרטן האָבן דײַטשע און אירישע אָנגעהויבן בויען אַ גאָרטן־שטאָט. ניו־יאָרק אַליין איז געווען אַ גאָרטן־שטאָט. ייִדן האָבן נאָך ביז איצטער נישט פאַרפלאַנצט קיין איין בוים אין ניו־יאָרק. אָבער הונדערטער טויזנטערביימער האָבן זיי שוין אויסגעהאַקט. ס׳וואָלטן אין ניו־יאָרק נישט אָנגעהויבן וואַקסן וואָלקן־קראַצער ווען נישט ייִדן. יעס, איך קריטיקיר עס נישט. אפשר איז עס גוט. אפשר שטעקט אין דעם דער שווונק פון מוח, און נישט דאָס געפיל פון האַרצן. ייִדישער קאָפּ רײַסט זיך רק אַרויף. ייִדישע פיס שטייען נישט אײַן אויף דער ערד. און ווייס וואָס איך וועל דיר זאָגן; ייִדן מאַכן דאָ נישט זייער פערמאַנענטע היים, און פון דעם אפשר שטאַמט דער אַנטאַגאָניזם וואָס ווײַזט זיך דאָ און דאָרט אַרויס צו ייִדן.

ד״ר זכריה לוריא האָט זיך זייער גוט צוגעהערט צום ריכטער מעקפאַדנס רייד. ער האָט דערפילט דעם אַנטיסעמיטישן ריח וואָס שלאָגט פון אים. ער דערמאָנט זיך ווי זײַן ברודער דניאל לײַדט פון דעם וואָס דייוויד וויל חתונה האָבן מיט דער נישט־ייִדישער ראָוז מעקפאַדן.

מעקפאַדן אַנטוויקלט פאַר זײַן דאָקטער זײַן מיינונג וועגן ייִדן און נישט־ייִדן:

— יעס, דאָקטער, ווילסט וויסן מײַנע אייגענע געפילן? ס׳איז נישט נאָר מײַנע אייגענע; מײַן פרוי פילט אויך אַזוי. דער יונגער לוריא, דייוויד לוריא, ער קומט אַרײַן צו אונדז. מיר באַטראַכטן אים ווי אַן אייגן קינד. ער איז אַן איידל קינד. קענטיק פון וואָס פאַר אַ סטאַק ער קומט אַרויס. ס׳קען גאָר קיין רייד נישט זײַן, עמעצער פון אונדז זאָל די קינדער שטיין אין וועג. אויף וויפל אָבער דורך דעם ווער איך אויך פאַרקנופּט מיט דער ייִדישער ראַסע ווי אַזעלכע... יעס, דאָקטער, דאָס ברענגט אויף אַלערליי געדאַנקען. איך בין אַ ריכטער. בײַ מיר עקסיסטירט נישט קיין ראַסן־טעאָריע. בײַ מיר, ווען מ׳ברענגט צו מיר אַ פאַרברעכער, מאַך איך קיין שום חילוק נישט. אַלעמען באַשטראָף איך ווי דאָס געזעץ פאָדערט. ס׳געזעץ ווייס נישט פון קיין ראַסן־דיסקרימינאַציע. געוויס, די מוטער וואָלט שטאַרק חשק געהאַט, אַז דייוויד זאָל אָן קיין שום קאָמפּראָמיס אַריבערגיין צום

קאַטוילישן גלויבן. איך אַליין באַשטיי נישט אויף דעם. יעס, יעס דאָקטער! גליקלעך וועט זײַן דער דור, וואָס וועט אויף אונדזער באַליבטער אַמעריקאַנער ערד נישט געפינען קיין בבל־כאַאָס, נאָר איין מאָנאָליטיש פאָלק — אַן אַמעריקאַנער פאָלק, מיט איין האַרץ און איין צונג. אַז איך בין גוט געשטימט — אַ פּאַטריאָט ווי איך דאַרף ער זײַן אין מײַן לאַגע — זאָג איך אַז די ריינע אַמעריקאַנער דאַרפן וואָס פריִער אײַנשלינגען די ייִדישע ראַסע. אַזאַ קאָמבינאַציע ווי דייווידס עלטערן איז נישט געלונגען. אָבער אַזאַ ווי עס קען אויספאַלן מיט דייווידן און מײַן ראָוז, דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָרטן וועט אָפּגעווישט ווערן דער ראַסן־שטריך. זייערע קינדער וועלן ווערט זײַן צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

דניאל לײַדט זייער שטאַרק וואָס דייוויד קלײַבט זיך חתונה צו האָבן מיט ראָוז מעקפאַדן און זכריה טרייסט אים:

— איצטער, דניאל, איז שפּעט צו ריידן פון דעם. ביסט נישט דער ערשטער און ביסט נישט דער לעצטער. געמישטע חתונות צווישן ייִדן און נישט־ייִדן איז אַ נאַטירלעכע זאַך דאָ. דעם גרעסטן פעלקער מיש־מאַש וואָס די וועלט האָט וועדן עס איז געזען, פאַרמאָגט דער אַמעריקאַנער באָדן. דאָרטן ווו קיין רעליגיעזע באַריערעס זענען נישט פאַראַן, איז עס נאַטירלעך. דאָרטן ווו ס׳איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע געפאַר פאַר די וואָס אַסימילירן זיך, שטעקט קיין טראַגעדיע נישט אין דעם עצם אַסימילאַציע. אָבער מיט ייִדן וואָס האָבן נישט קיין לאַנד זיך אויסצולעבן ווי אַ פאָלק, ייִדן זעען אין דעם אַ געפאַר פון אונטערגאַנג. פאַר זיי איז אַסימילאַציע טראַגיש.

ריכטער מעקפאַדן קומט צוזאַמען מיט זײַן פרוי און טאָכטער צו גאַסט צו דניאלן. מרס. מעקפאַדן רעדט:

— מײַן קינדס ווילזײַן איז מיר צו נאָענט צום האַרצן. דעם אמת זאָגנדיק, פאַרשטיי איך גאָר אין גאַנצן נישט וועגן וואָס מ׳רעדט אַזוי פיל, צי ס׳לוינט פאַר דייווידן ער זאָל אַריבערגיין צו אונדזער הייליקן גלויבן. די קאַטוילישע וועלט איז די אמתע וועלט, די קאַטוילישע וועלט איז אַ הייליקע וועלט. וואָס מער איך קום אין באַרירונג מיט ייִדן, אַלץ שווערער איז מיר זיי צו פאַרשטיין. וואָס עקשנען זיי זיך אַזוי?

די פאָר שעה וואָס די לוריאס און די מעקפאַדנס האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, האָט ליליען־רות געהערט פיל וועגן ייִדן און זי האָט געטראַכט,

ווי אַזוי זי, ליליען, האָט מיט גאַנצע 30 יאָר צוריק געקענט פֿועלן בײַ זיך ליב צו קריגן אַ גרינעם פּעדלער. זי וויס, אַז ראָוז וואָלט אַריבער צום יידישן גלויבן, אָבער „אויב איך אַליין שפּיר ווי איך בין אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג, ווי אַזוי קען איך אַזוינס אײַנריידן אַ נאַיִוו מיידל, וואָס איז מיט איר קאַטוילישן גלויבן געבוירן געוואָרן".

דייוויד מיט ראָוזן קומען אַרײַן און דייוויד זאָגט:

— ראָוז באַפרײַט מיך. זי פֿאַרלאַנגט פֿון מיר קיין שום קרבן נישט. זי בלײַבט קאַטויליש, און איך קען מיר האָבן וואָס פֿאַר אַ גלויבן איך וויל. איך וויל נישט איבערגיין צו קיין אַנדער גלויבן. כ׳וויל נאָר נישט, אַז אַ יידישער עק זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן. איך גלייב, איר דאַרפֿט אויף דעם מסכים זײַן.

איין מאָל איז צווישןביידע זין פֿון דניאל און ליליען־רות פֿאָרגעקו־מען אַן איבעררייד און אין דעם איז אַרײַנגעקומען זכריה. ליליען ווענדט זיך צו אים:

— גוט, זכריה, וואָס דו ביסט געקומען — האָט ליליען־רות אַרומגע־נומען ד״ר לוריאַן און אים געקושט, — כ׳ווער הײַנט משוגע פֿון מײַנע זין. דער עלטערער איז אַ נאַר; און דער יינגערער, אין אים איז בייז בלוט, נישט אויסצוהאַלטן. ס׳איז צווישן יידן אַזעלכעס נישטאָ, און צווישן מײַנע אייריש אויך נישט. ס׳איז עפּעס אַ בייזער אויסמיש. דער עלטערער האָט גענומען און אַ זאָג געטאָן, אַז אויב מ׳טרײַבט יידן פֿון די גרענעץ־שטעט, איז אַ סימן, אַז מ׳דאַרף. יידן האָבן פֿײַנט מלחמה, זאָגט ער, און דעריבער קענען זיי פֿאַרראַטן זייער אייגן לאַנד אין צײַט פֿון אַ מלחמה. דאָס האָט ער גענומען און אַ זאָג געטאָן. נו, האָט זיך עס אָנגעהויבן! אַז אין יינגערן קאָכט אויף זײַן בלוט, האָב איך אַליין מורא פֿאַר אים. דייוויד איז פֿאָרט גערעכט, יידן האָבן פֿײַנט מלחמה.

— און דו האָסט עס ליב? — האָט ד״ר לוריא גוטמוטיק געפֿרעגט.

— וואָס פֿאַר אַ מאַמע האָט עס ליב מלחמה?

— טאָ פֿאַר וואָס פֿאַרשטייסטו נישט דײַן יינגערן זון? וואָס וועסטו טאָן, אויב אַמעריקע וועט מען אַרײַנשלעפּן אין קריג, און ס׳וועט ווערן קאָנ־סקריפּשאָן?

— זאָל גאָט אויסהיטן.

— וואָס וועסטו טאָן, אַז דאָס וועט פּאַרט געשען, און דײַן דייווידן וועט מען פאָדערן ער זאָל זיך רעגיסטרירן?

— מ׳דאַרף פּײַטן, אַז אונדזער לאַנד זאָל נישט קריכן אין פייער אַרײַן; פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויך פּײַנט מלחמה.

— נו, אויב דו האָסט פּײַנט, און דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פּײַנט, איז גוט וואָס יידן האָבן עס אויך פּײַנט.

— זאָג מיר, זכריה, זאָג מיר טײַערער, וואָס איז עס פאַר אַ משוגעת אַזוי צו באַהאַנדלען יידן? ס׳מוז דאָס זײַן אַ שווידער, אויב ס׳איז אמת וואָס דניאל האָט מיר דערציילט. — קום אַהער, דייוויד, — האָט ליליען־רות אַ רוף געטאָן איר עלטערן זון, וואָס האָט זיך אין טיר באַוויזן.

און דער שמועס האָט זיך געפירט מיט דייווידן וועגן מלחמה. דייוויד האָט באַשולדיקט יידן אין פּחדנות.

איין מאָל איז ראָוז מעקפּאַדן געקומען צו ד״ר זכריה לוריא, ער זאָל ווירקן אויף זײַן ברודער ער זאָל דערלויבן דייווידן איבערצוגיין צום קאַטוילישן גלויבן, ווײַל איר מאַמע האָט פּײַנט יידן. דאַן האָט איר ד״ר לוריא געפרעגט:

— האָסטו זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון צי דו האָסט ליב יידן?

— דייוויד איז נישט קיין ריינער ייד... ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט צו זאָגן. ווען דייוויד איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייד, וואָלט מיר אויך נישט געאַרט. זאָג מיר, — האָט איר שטים געציטערט, ווי צו וויינען, — פאַר וואָס זײַט איר אַזוי פאַנאַטיש? פאַר וואָס האַלט איר זיך אַזוי אָפּגעזונדערט? פאַר וואָס קען איך נישט מיט מײַן ליבע דורכברעכן די וואַנט פון פאַנאַטיזם, וואָס טיילט־אָפּ יידן פון נישט־יידן?

— זייער קלוג, ראָוז. דאָס וואָלט אַלץ אמת געווען, ווען ליבע איז טאַקע די הערשערין אין לעבן. צום טיפן באַדויערן איז שנאה די הערשערין פון לעבן. האָסט אַליין געזאָגט, אַז דײַן מוטער האָט פּײַנט יידן. וואָס זאָגט דייווידס מוטער? זי שטאַמט דאָך אָפּ פון אַ קאַטוילישער פאַמיליע, וואָס זאָגט זי?

נאָך ווײַטערדיקע שמועסן ראָט איר זכריה, זי זאָל נישט פאַרלאַנגען פון דייווידן ער זאָל אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן און זיי זאָלן ביידע

חתונה האָבן. (די מיינונג פון מחבר וועגן אופן פון חתונה האָבן מיט אַ נישט־ייִדן איז אויסגעדריקט געוואָרן אויבן, ביַי אַן אַנדער געלעגנהייט).

עס ווערט איַינגעפירט צוואַנג־מיליטערדינסט אין אַמעריקע. מ׳מאַכט דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם. אויך ייִדן באַטייליקן זיך אין אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציעס. פאַרהייראַטע נעמט מען נישט אין מלחמה. דאָס דינט ווי אַ באַזע פאַר צוויסטיקייטן צווישן ליליען־רות און איר מאַן. זי וואַרפט אים פאָר, אַז ייִדן זענען שלעכטע פּאַטריאָטן, אויב זיי זאָגן זיך אַרויס קעגן מלחמה און אַז נאָר צוליב ייִדישער עקשנות האָט דייוויד נישט חתונה, וואָס עס וואָלט אים באַפריַיט פון מיליטער־דינסט.

ליליען־רות און מיסיס מעקפאַדן זענען געזעסן אויף איינעם פון די בענק אין אַ קאַטוילישן קלויסטער און האָבן געשמועסט צווישן זיך. מיסיס מעקפאַדן האָט זיך געווענדט צו ליליען־רות:

— איך בין קיין מאָל נישט געווען אין קיין ייִדישער סינאַגאָגע; ווי איז עס דאָרטן, איז דאָרטן קענטיק הייליקייט?

ליליען־רות האָט איר נישט געענטפערט און מיס מעקפאַדן האָט וויַי־טער גערעדט:

— הייליקייט ברענגען מענטשן מיט זיך אַליין אַריַין, און מאַכן גאָטס הויז הייליק. וואָס פאַר אַ הייליקייט פאַרמאָגן דען ייִדן? אַז אַ וועלט האָט זיי פיַינט איז עס דאָך אַוודאי נישט אומזיסט. זיי געטרויען קיינעם נישט אַן זייערע זינד... ווי אַזוי קומסטו אויס, מיַין טיַיערע, — האָט זי זיך נעב־טער צוגעטוליעט צו דער גרטע, — אַ לעבן לאַנג זיך נישט מתוודה געווען פאַרן פּריסטער? איך וואָלט אומגעקומען, ווען איך זאָל דאַרפן טראָגן אויף מיַין האַרצן מיַינע זינד.

— יעס, מיַין טיַיערע, — האָט מיסיס מעקפאַדן וויַיטער געשעפּטשעט דער גרטע אין אויער אַריַין, — ייִדן האָט מען פיַינט, אַ פרעמדקייט אַזאַ האָבן זיי מיטגעבראַכט אַהער, אַן אומאָרנטלעכקייט אַזאַ, אַ כיטרעקייט, וואָלט איך געזאָגט, האָבן זיי מיטגעבראַכט. געלויבט איז גאָט וואָס דייוויד איז אַ מאַן מיט אַן אָפענעם כאַראַקטער. ס׳איז אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז דיַין זון. כ׳האָב צו אים צוטרוי, דעריבער בין איך מסכים, זיי זאָלן דער־וויַיל חתונה האָבן, ווי דאָס געזעץ פאָדערט, און וואָס וויַיטער — פאַרלאָז איך מיך אויף גאָט.

ווען ליליען איז געקומען אַהיים פון קלויסטער, האָט זי געזוכט אַ גע־לעגנהייט אין דער שטיל זיך אויסצווויינען. ווען דניאל איז געקומען, האָט זי אים געזאָגט:

— לאָז דניאל דײַנס איבערגיין. זאָל דייוויד חתונה האָבן בײַ אַ דזשאָדזש. איך האָב מיט איר מוטער גערעדט. איר אַרט נישט, „ווערט זײַן מיט אַ קאַטאָליק ווייניקער״.

ליזאַבעט האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום ד״ר זכריה לוריא. ליליען־רות איז אָבער געווען קעגן דעם אַז ליזאַבעט זאָל זיך מגייר זײַן, ווי זי האָט עס געטאָן. אויב זי אַליין האָט זיך מגייר געווען, כדי צו זײַן מאַן־און־ווײַב מיט דניאלן, דאַרף ד״ר זכריה לוריא זיך שמדן, צו קענען נעמען ליזאַבעטן.

אין דער רודמאַנס פאַמיליע איז דאָ אַ פאַרזעסן מיידל, יוסטינע. זי איז אַן אַנטוישטע אין לעבן און אַ גײַסטיק־קראַנקע; זי איז קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט. יוסטינע באַגעגנט זיך מיט ד״ר ווילסאָן. בײַ ד״ר ווילסאָן קומט־פאָר אַ מסיבה. ס׳קומט זיך צוזאַמען אַ גרויסע צאָל פון דער קריסטלעכער אינטעליגענץ. פעלן דאָרטן נישט קיין אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. דאָס שטויסט זי אָפּ פון ד״ר ווילסאָנען, מיט וועמען זי האָט זייער פרײַנט־לעכע באַציִונגען און וויל מיט אים חתונה האָבן. ס׳קומט בײַ איר פאָר אַ קאַמף צווישן געפילן און לאָגיק. זי גייט פרעגן אַן עצה איר פעטער בונים דער פעטער גיט איר אַ ריי לאָגישע באַווײַזן, אַז די מערסטע געמישטע חתונות ברענגען נישט קיין גליק און דאָס יידישע פאָלק לײַדט דערפון. די געפילן בײַ יוסטינען זענען מנצח די לאָגיק. זי האָט חתונה מיט ד״ר וויל־סאָנען, און נאָך אַ צווײַג פונעם יידישן פאָלק דאַרט־אָפּ.

„יומנה של גיורת בישראל״, פון יצחק סלע

אַ גרעטע, וואָס איז געטרײַ דעם יידישן פאָלק, גייט מיט מיט איר מאַן אין אַלע צרות וואָס ער לעבט דורך, איז מקבל באהבה אַלע שוועריקייטן פון ארץ־ישראלדיקן לעבן, שלאָגט־אָפּ אַלע אַטאַקעס און שמוץ וואָס ווערן געוואָרפן אויפן יידישן פאָלק, שטעלט אײַן איר לעבן אין פאַרטיידיקונג פון פאָלק און לאַנד, — דאָס איז חנה, די פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען, כדי חתונה צו האָבן מיטן ייִד גד אבן.

געבוירן איז זי אין אַ פּויליש־דײַטשישע שטאָט. ווען זי האָט דער־קענט איר איצטיקן מאַן, האָט זי געלערנט יידיש, און קומענדיק קיין ישראל האָט זי געלערנט העברעיִש. איר מאַן גד אבן, איז אַ לערער און אַ שרײַבער.

חנה האָט אַן אומבאַגרענעצטע ליבע צו איר פֿאָלק. זי גלייבט, אַז דאָס יידישע פֿאָלק איז אַן אויסדערווײלטס און אַז עס וועט אויסלייזן די וועלט פון שנאה און קנאה, פון עגאָיִזם און אַכזריות. איר פלעגט אָרן וואָס איר מאַן באַציט זיך איראָניש צו איר מיינונג. זי רעדט וועגן דעם מיט אירע חברטעס. איבערהויפּט שמועסט זי וועגן דעם מיט איר חברטע רות. די לעצטע האָט זיך אַפילו טובל געווען אין אַ מקווה, אָבער זי טיילט נישט חנהס מיינונגען.

איין מאָל האָט זי דערציילט רותן וועגן יעזוסן און דעם הייליקן פּאָולן, ווי פּאָול האָט אָפּגעווייכט פון יעזוסעס לערע, וואָס איז דער אמתן איז עס משהס תורה. זי האָט געזאָגט, אַז די קריסטן גלייבן נישט אין יעזוסעס לערע נאָר אין פּאָולס, וואָס האָט פּאַרדרייט יעזוסעס תורה, כדי דורך דעם צוצוציִען געצנדינערס. דערפֿאַר טאָקע זענען פיל קריסטן געצנדינערס עד היום הזה.

— צײַטנווײַז דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ יידישקע פון מײַן געבוירן־אָן, אַז איך האָב נישט קיין שום נויטווענדיקייט עמעצן איבערצוצײַגן, אַז מײַן האַרץ איז פול מיט ליבע צום פֿאָלק ישראל און זײַן תורה. פון דעם טאָג ווען איך האָב זיך מיט דיר, גד, באַהאָפטן, איז מײַן ליבע אומבאַגרע־נעצט צו דיר, צום פֿאָלק ישראל און צו דער תורה פון עם ישראל, און נאָר זי וועט לײַכטן אין די אויגן פון די פעלקער פון דער וועלט.

אָט דערוויסט זיך גד וואָס די נאַציס האָבן אָפּגעטאָן צו זײַן משפחה אין פּוילן און חנה זאָגט:

— איך האָב נישט קיין ווערטער אים צו טרייסטן. איך אַליין בין פול מיט דאגות און ביטערניש. איך בין דאָך אַליין אַ טאָכטער פון די וואָס מאָרדן און די זינד פֿאַלט אויך אויף מיר. איך בין פול מיט בושה און חרפּה. נישט איין מאָל האָב איך געוויינט. טרערן זענען געפלאָסן פון מײַנע אויגן.

האָבן זיי אַ באַקאַנט פּאָרל, בערטאַ און יואל. בערטאַ איז זייער אַ שיינע און מאַנסבילן עסן זי אויף מיט די אויגן, אָבער אין זייער הויז —

אַ קינדערלאָז הויז ווי בײַ גדן און חנהן — איז שטענדיק קריגערײַ. בערטאַ קאָן נישט פאַרטראָגן די פּוילישע ייִדן. יואל פאַרטיידיקט זיי. דאָס איז פון אַ געמישטער חתונה, זאָגט חנה. אין אַ מינוט אַרום זאָגט זי: „איך האָף אַז אונדזער חתונה האָט נישט געבראַכט אַזאַ זויערע אומרײַפע פרוכט". גד האָט זי אַרומגענומען: „איך און דו, דו מײַן חנה, דו און איך. דו ביסט מײַן נשמה, מײַן ריינע און דערהויבענע נשמה". זי האָט אים געדריקט צו זיך: „יאָ, צו אַזאַ געמישטער חתונה בין איך אויך דאַקעגן. יואל האָט אַ טעות געמאַכט; בעסער זיי זאָלן זיך צעגיין, זיך שיידן". „ס'איז נישט נייטיק נאָר די פאַראייניקונג פון די גופים, ס'איז נייטיק די האַרמאָניע פון די נשמות. אין ישראל זענען דאָ הונדערטער און אפשר טויזנטער אַזעלכע".

ס'ברעכן־אויס אומרוען אין ישראל. די ענגלענדער און אַראַבער בוּ־שעווען און מאָרדן ייִדן. ווען געשען אַ נס? דאָ כאַפּט זיך אַרײַן אַ צווייפל בײַ חנהן:

— ווען קומען אַ ישועה אויף ייִדן? ווען געשען אַ נס? וואָס פרעג איך דאָס? בין איך דען אַ נביאה, אַן אידיאָטין אַזאַ, אַ טיפּשה און נישט מער. איך וויקל זיך אײַן אין בלינדער אמונה און איך וויל, אַז אויך אַנדערע זאָלן זיך באַהעפטן צו מיר. רבונו־של־עולם, זײַ מסכים צו געבן מיר אַ צייכן, אַ קליין צייכן, אַ רמז, אַז מיר וועלן נישט פאַרלוירן גיין, גיב אַ שמץ פון אַ צייכן, אַז אַלץ וועט פאַריבער בכי־טוב, אַז אין דעם לאַנד וועלן מיר נישט גיין לאיבוד. איך בעט גאָט. איך בין שוואַך, אַזוי שוואַך. איך ווייס, אַז אָן אמונה קען מען נישט לעבן, אָן אמונה אין דעם עתיד, אין לעבן, אין גאָט. איך ווייס, אַז די אַלע תפילות וואָס איך זאָג שטראָמען אַרויס פון דעם פּחד פון פאַרניכטונג דורך היטלערן און זײַנע אַרמייען, וואָס שטייען בײַ די טויערן פון לאַנד. איך ווייס, אַז איך ווענד זיך צו גאָט, מײַן פאָטער אין הימל, וואָס וועט זיך מרחם זײַן אויף מיר און אויף גדן און אויף אַלע קינ־דער פון אונדזער פאָלק און אויף אַלע פעלקער אויף דער וועלט. איך קען נישט פאַרטראָגן די שרײַענדיקע עוולה. איך מוז באַרויִקן מײַן אומגליקלע־כע נשמה. איך ווייס, אַז איך טו עס אַלץ צוליב מיר. איך פרעג זיך אַליין, מיינט עס, אַז איך בין דורכגעפּרעסן מיט ספיקות, אַז איך בין נישט ווי איך בין געווען פריִער, אַ תמימה, אַז איך זוך אותות ומופתים בײַ גאָט?

וואָס זענען אָבער וויכטיק די קשיות וואָס איך פרעג?! איך בין נערוועז, צעשמעטערט.

— גאָטעניו, גיב מיר כוח איבערצוטראָגן דעם צער. גיב מיר כוח צו גלייבן אין דיר, נישט קוקנדיק אויף אַלע אַנטוישונגען, אויף די אַלע קשיות וואָס איך פרעג און וואָס ווערן נישט פאַרענטפערט, אויף די אַלע אילוזיעס וואָס צעגייען זיך ווי אַ רויך, אויף די אַלע יסורים און ווייטיקן וואָס דריקן און באַליידיקן דעם צלם אלהים וואָס אין יעדן מענטשן.

חנה קען נישט פאַרטראָגן ווען אַ גרטע לאַכט־אָפּ פון עברית. זי קען נישט פאַרטראָגן, אַז מע רעדט ענגליש אָדער פויליש, בעת עברית איז דאָך די שפּראַך פון אונדזערע אורעלטערן, די שפּראַך פון תנ"ך.

די ידיעות פון איראָפּע, ווו היטלער בושעוועט, זענען שרעקלעכע. מע קאָן טאַקע משוגע ווערן, פון זינען אַראָפּגיין, און ווי גייען מיר טאַקע פון זינען נישט אַרונטער, טראַכט חנה. זי זעט גדן וויינען. טרייסט זי אים, גלעט אים. „מײַן ייִנגעלע, מײַן ייִנגעלע". פאַר וואָס באַגייען מיר נישט קיין זעלבסטמאָרד, זאָגט גד. „וואָס וועט עס אונדז געבן? ווער וועט אונדז העלפן? מיר וועלן צוגעבן נאָך קרבנות צו די זעקס מיליאָן".

— אָבער איך בין מיד, מיד ביזן טויט. אוממעגלעך איבערצוטראָגן דעם שרעקלעכן מבול, — זאָגט גד.

— איך קען דיך נישט טרייסטן מיט ווערטער סתם. נישטאָ קיין טרייסט־ווערטער צום אומגליק פון אונדזער פאָלק. די מאָס פון צרות איז איבערגעפולט. איך וועל אָבער לעבן בײַ דײַן זײַט, צוליב דיר און מיט דיר.

פיל טעג און נעכט זענען דורך אין אַזעלכע און ענלעכע שמועסן.

— דײַנע פראַגעס, חנה, בין איך שטענדיק גרייט צו הערן; פראַגעס דורכגעדרונגען מיט אהבת־ישראל. זיי זענען ווי אַ באַלזאַם אויף מײַן קערפּער. מיר דאַכט זיך, אַז אָן דײַן ליבע וואָלט איך נישט געקאָנט אָנגיין אין לעבן. איך וואָלט פאַרדאַרט און פאַרטריקנט געוואָרן, ביז ס'וואָלט געקומען אַ סוף צו מײַנע טעג, ביז דער טויט וואָלט געוועזן מײַן גואל.

„סטרומאַ"... די שיף איז דערטרונקען געוואָרן מיט די 769 פּליטים פון רומעניע. 769 דערטרונקענע. ווי קענען איצט קריסטן ריידן וועגן די צרות פון הייליקן פּאַול, פון דעם הייליקן פראַנציסקאָ פון אַסיס און ענלעכע,

ווען זיי פאַרשטאָפּן זייערע אויערן פאַר די געשרייען פון די הונדערטער און טויזנטער דערשטיקטע, דערטרונקענע און פאַרברענטע קינדער, פאַר וועלכע דו ציטערסט־אויף און געפינסט נישט קיין רו, נישט בײַ טאָג, נישט בײַ נאַכט.

„אהבה זרה", פון אַשר ברש

פּרץ, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, לעבט אין אַ שטעטל. ער פאַרליבט זיך אין אַ קריסטלעך מיידל, פּראַניאַ.

ער פאַרטרויט עס זײַן עלטערן ברודער קובקי, און זאָגט אים, אַז ער ווייס אַז ער טוט אַ שלעכטע זאַך. ער קען זיך אָבער נישט העלפן; ער קען זי נישט אַרויסרײַסן פון זײַן האַרצן. בײַ טאָג און בײַ נאַכט שטייט זי פאַר זײַנע אויגן. יעדער צוזאַמענטרעף זייערער איז בײַ אים אַ יום־טוב, עס פאַרשאַפט אים פיל פאַרגעניגן און ער וואַרט אויף דעם מיט אומגעדולד, ער קאָן אָן איר ממש נישט לעבן.

דער ברודער קובקי עצהט אים צו טרעפן זיך מיט ייִדישע מיידלעך און פאַרגעסן אָן פּראַניאַן. ער דאַרף אויסקלײַבן איינע פון די ייִדישע מייד־לעך פאַר זיך פאַר אַ פרוי. פּרץ דערקלערט אים, אַז קיין איינס פון די ייִדישע מיידלעך אינטערעסירט אים נישט און אַז דאָס האַרץ ציט אים צו פּראַניאַן, וואָס איז זיס און ליב.

ער טרעפט זיך מיט פּראַניאַן זייער אָפט.

ווען פּרצעס עלטערן דערוויסן זיך וועגן דעם, ווערן זיי פול מיט צער. אויך פּראַניאַס עלטערן זענען קעגן איר אַרומגיין מיט פּרצן. וואָס מער אָבער אירע עלטערן ווילן אים פאַרמיאוסן אין אירע אויגן, אַלץ מער ווערט זי צו אים צוגעבונדן און די ליבע ווערט הייסער און שטאַרקער.

די עלטערן פון ביידע צדדים ווילן נישט דערלאָזן, אַז צווישן זייערע קינדער זאָל עפּעס געשען. זיי ריידן, יעדער איינער באַזונדער, וועגן דעם מיט זייערע קינדער, דערקלערן זיי, אַז צום מערסטן גיט זיך נישט אײַן קיין געמישטע חתונה. פּראַניאַס קאַטוילישע עלטערן זענען נאָך מער אויפ־גערעגט ווי פּרצעס עלטערן. זיי שטייט נישט אָן זיך מתחתן צו זײַן מיט אַ זון פון אַ טמאדיק פאָלק. נאָר „ייִדישע חוצפּה" קען פירן דערצו, אַז אַ ייִדישער בחור זאָל וועלן חתונה האָבן מיט אַ קאַטוילישער טאָכטער.

ביידע, פּרץ און פּראַניאַ, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז קיין גוטס וועט פון זייער ליבע נישט אַרויסקומען, אַז זיי טאָרן נישט טראַכטן וועגן חתונה האָבן. דאָס האָט אונטערגעזאָגט דער שכל, אָבער נישט די געפילן.

וואָכן לאַנג טרעפן זיי זיך נישט. זיי קאָנען עס אָבער נישט אויסהאַלטן, זיי טרעפן זיך ווידער. פּראַניאַ פאַרבעט אים צו קומען צו זייער אַ קאַטוי־לישן יום־טוב. דאָס קען שוין פּרץ זיך נישט דערלויבן. ער זאָגט איר צו צו קומען, אָבער ווען ער שטייט פאַרן נסיון אַרייַנצוגיין אין פּראַניאַס הויז, זאָגן די פיס זיך אָפּ עס צו טאָן.

די קעגנזייַטיקע ליבע האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייַט. ס׳איז געווען שווער זיך נישט צו טרעפן צוזאַמען, אָבער אויך דאָס צוזאַמענטרעפן זיך איז געווען פאַרבונדן מיט אומאָנגענעמלעכקייטן מצד פּרצעס משפחה און נאָענטע מענטשן. יעדער איינער האָט אים געוואָרנט וועגן די קאָנסעק־ווענצן פון זייַן חתונה האָבן מיט אַ קאַטוילישע מיידל. פּרץ האָט דאָס גוט געוווּסט און דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט העלפן: עס האָט אים געצויגן צו פּראַניאַן.

צום סוף, אָבער, איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צווישן זייביידן און זיי האָבן אויפגעהערט צו טרעפן זיך.

„משפּחה קאַרנאָווסקי", פון י. י. זינגער

די משפּחה קאַרנאָווסקי איז געקומען פון פּוילן קיין דייַטשלאַנד. בייַ דער משפּחה איז דאָ אַ זון געאָרג, אַ דאָקטער, וואָס פאַרליבט זיך אין אַ קריסטלעכער קראַנקנשוועסטער, טערעזאַ האָלבעק. ווען דער פאָטער, דוד קאַרנאָווסקי, דערוויסט זיך פון דעם, ווערט ער שרעקלעך אויפגערעגט און צווישן זון און פאָטער קומט פאָר אַ זייער בעסדיקער איבעררייד. אויך טערעזאַס מוטער, די אַלמנה האָלבעק, איז שרעקלעך אויפגערעגט פון דעם. ווער זענען די ייִדן? — טראַכט די מאַמע — „אַ ראַסע שוואַרץ, באַריידעוו־דיק, וויצלעריש, קלוג, כיטרע און פאַרקויפערס פון פאַרבאָטענע סחורות". פון דעסט וועגן איז זי געווען צופרידן וואָס איר טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט אַ ייִדישן דאָקטער.

„ייִדישע מענער באַהאַנדלען זייער גוט זייערע פרויען, זויפן נישט און מאַכן נישט קיין סקאַנדאַלן". פרוי האַלבעק האָט זייער גוט כאַראַקטעריזירט די מעלות און חסרונות און באַשלאָסן, אַז די מעלות וועגן שטאַרק אַריבער.

געאָרג קאַרנאָווסקי און טערעזאַ האַלבעק האָבן חתונה געהאַט לויט אַ ציווילער חתונה. די מאַמע קאַרנאָווסקי איז געווען צופרידן וואָס איר זון האָט זיך נישט געשמדט. דער טאַטע דוד, האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זײַן זון האָט גענומען אַ קריסטין פאַר אַ פרוי.

איין מאָל, בשעת אַ באַזוך בײַ געאָרגן, האָט זײַן מוטער לאה זיך דערוווּסט, אַז בײַ טערעזאַן איז אַ כשרע קיך, אַז שבת בענטשט זי ליכט און פירט זיך בכלל אויף ייִדישלעך. דאָס האָט איר זייער געפרייט. זי האָט אַראָפּגענומען די פּערל פון איר האַלדז און איבערגעגעבן דער שנור.

טערעזאַ האָט געבוירן איר ערשט קינד — אַ ייִנגל. ד"ר קאַרנאָווסקי האָט באַשלאָסן אים נישט מל צו זײַן. „ער וועט נישט דורכפירן קיין אומזיניקע צערעמאָניע איבער זײַן ערשט געבוירן קינד בלויז דערפאַר, וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק זאָל אַברהם, דער זון פון תרח, האָבן פאַרשפּראָכן זײַן גאָט יעהאָוואַ, אַז זײַנע קינדער זכרים זאָלן באַשניטן ווערן צום אַכטן טאָג פון זייער געבוירן ווערן".

ד"ר קאַרנאָווסקי איז אָבער נאָך לאַנגע טראַכטענישן געקומען צום באַשלוס, אַז ער זאָל יאָ מל זײַן זײַן זון. נישט לויט דער ייִדישער צערעמאָניע, מיט ברכות, לעקעך און בראָנפן, נאָר ער אַליין וועט באַשנײַדן דאָס קינד. אַזוי האָט ער עס געטאָן צוליב זײַנע עלטערנס וועגן. זיי זײַנען אָבער צום ברית נישט געקומען. באַזונדערס אויפגערעגט איז געווען דוד קאַרנאָווסקי, דער זיידע פונעם נײַ־געבוירענעם אייניקל.

די באָבע לאה קאַרנאָווסקי, האָט פּרובירט אײַנריידן איר מאַן צו גיין צו די קינדער און זען דאָס אייניקל. זי האָט אָבער נישט געקאָנט בײַ אים פּועלן.

אַ נאָמען האָט מען דאָס קינד געגעבן יאָאַכים־יעגאָר, נאָך טערעזאַס פאָטער.

עס זענען אָנגעקומען שווערע צײַטן אויף דײַטשלאַנד. דער באַשטיוולטער מערדער מיט זײַנע אונטערגעשווירענע וואָנצעלעך האָט אָנגהויבן באַ־

לעבאַטעווען איבער דײַטשלאַנד. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ וואַלד־פײַער, מע האָט ייִדן באַליידיקט אויף שריט און טריט. עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו אָטעמען. טערעזאַ איז אָבער געבליבן געטרײַ איר מאַן און געזידלט און געברידלט איר ברודער הוגאָ — איינער פון די באַ־שטיוולטע. זי האָט באַשפּיגן איר ברודער און אים ממש אַרויסגעטריבן פון איר הויז.

די לאַגע איז געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך אין בערלין, אַז די משפּחה קאַרנאָווסקי האָט פאַרלאָזן דײַטשלאַנד און עמיגרירט קיין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק.

יעגאָר האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו דעם נײַעם אַמעריקאַנער לעבן. אים האָט געצויגן קיין דײַטשלאַנד. דאָ איז אים אַלץ געווען פרעמד, דאָרטן — נאָענט און היימיש. טערעזאַ אָבער, האָט זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דער נײַער אַמעריקאַנער ייִדישער סביבה און געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס איר זון יעגאָר קען זיך קיין אָרט נישט געפינען אין דער נײַער היים און עס ציט אים צו די אַמעריקאַנער דײַטשן.

„ליכט און שאָטן", פון הערץ בערגנער

אין „ליכט און שאָטן" פון הערץ בערגנער, ווערט זייער רעאַליסטיש באַשריבן דאָס לעבן פון אַ משפּחה, זעלינגס, וועלכע וואַנדערט־אויס פון פוילן קיין אויסטראַליע. זיי קומען אָן אין אַ דאָרף, וווּ ס'זענען נישטאָ קיין אַנדערע ייִדישע משפּחות.

דער אַרומיקער קריסטלעכער לעבנס־וועג מוז ווירקן אויף דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. דער ייִד מוז לעבן אין צוויי קולטורן און אין גאָר קליינע שטעטלעך נעמט־איבער די פרעמדע קולטור די העגעמאָניע. אין די קליינע שטעטלעך מוז מען האָבן אַן אינטים פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דעם נישט־ייִדישן אַרום. אַפילו קריסטלעכע יום־טובים דרינגען אַרײַן אין די ייִדישע הײַזער, ווי מע זאָל זיך נישט אַקעגנשטעלן: „בעת הערש האָט שוין געהאַט געננוג סחורה צו לייזן אויף קריסטמעס, האָט ער צוזאַמען מיט פּאַולינען זיך געשטעלט אויסצירן דעם שויפענצטער".

קודם־כל האָט ער צו דער שויב צוגעקלעפּט דאָס בילד פון „פאָטער

קריסטמעס״ מיט דער ווײַסער גרויסער באָרד, מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך און מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, ווו ער טראָגט די מתנות פאַר די קינדער. צום סאַמע סוף האָט ער אויף דער שויב אָנגעקלעפּט עטלעכע פאַרבירענע גלאָקן און גרויסע אותיות, וואָס האָבן געווונטשן די קונים אַ ווערי קריסטמעס און העפּי ניו־יִיר.

מאָרי, זייער זון, ווערט רעליגיעז באַווירקט פון זײַנע חברים, קומט ער איין מאָל אַהיים און זאָגט: „מאַ, כ׳וויל נישט זײַן קיין ייִד. כ׳וויל זײַן פונקט ווי באָב און דזשיק. פאַר וואָס דאַרף איך עפּעס זײַן אַ ייִד״. „פאַר וואָס טאָר איך נישט גיין מיט באָבן אין דער טשוירטש בעטן צו גאָט״?

די מאַמע, פאַרשטייט זיך, שטעלט זיך אַקעגן איר זונס פאַרלאַנג: „דו דאַרפסט גיין אין דער סינאַגאָגע און דאָרטן בעטן גאָט... כ׳וועל פאָרן קיין מעלבורן מיט דיר און דיך מיטנעמען אין דער סינאַגאָגע... און אַז דו וועסט נאָך ריידן אַזעלכע רייד, וועל איך אַלץ דערציילן דעם טאַטן״.

דער עלטערער זון, לעזלי, הייבט זיך אָן חברן מיט אַ קריסטלעך מיידל, דזשין. לעזלי האָט איר אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט. נישט געווען צו איר אַזוי שלעכט ווי אין דער געזעלשאַפט פון אַלע קינדער. ער האָט אָנגערירט אירע העל־ווײַסע צעפּ, די גלאַטיקע הויט פון איר שלאַנקן, הויכן האַלדז און איר אײַנגערוימט אַ סוד: — זאָלסט מיר קיין מאָל נישט נאָכלויפן ווען אַלע קינדער זענען!... גוט, לעז... — האָט זיך דזשין צו אים נענטער צוגערוקט און פאַרפלאָכטן אירע פינגער אין זײַנע.

די דערנענטערונג צווישן די קינדער פון זעלינגס משפחה מיט די קריסטלעכע; דאָס וואָס די קריסטלעכע קינדער זענען די איינציקע חברים זייערע און דאָס וואָס טאַטע־מאַמע האָבן נישט קיין צײַט, צוליב זייער פאַרנומענקייט אין דעם געשעפט, זיך אָפּצוגעבן מיט די קינדער און דערציִען זיי אינעם ייִדישן גײַסט, מוז זיך אָפּשטעמפּלען אויף די ייִדישע קינדער.

פון אַ שמועס צווישן די זעלינגס דערוויסן מיר זיך, אַז זייער קליין ייִנגל מאָרי גלייבט, אַז ייִדן האָבן דערהרגעט יעזוסן: „הערט, הערט, הערט, — האָט די מאַמע שטיל אָנגעהויבן, — מיר האָבן געקרײַצט יעזוסן... האָסט געהערט אַן אײַנפאַל! און ווייסט ווער ס׳האָט דאָס געזאָגט? — אונדזער אייגענער זון מאָרי״.

דער פאָטער וויל מיט קלעפּ אַרויסשלאָגן די ווילדע געדאַנקען פון מאָ־

ריס קאָפּ. די מאַמע מישט זיך אַרײַן: „דו קלער בעסער אויף דעם קינד! וואָס האָסטו צו אים, וואָס ווייס ער? ער זאָגט אַלץ נאָך ווי אַ פּאַפּוגײַ".

די תורה לערנט מאַרי אין דער אַלגעמיינער שול. דער טאַטע הייסט אים אַרויסגיין פון שול בעת דער שעה פון רעליגיע. ער איז אַ ייִד און טאָר זיך צו דער לעקציע נישט צוהערן; ער האָט אָבער דעם טאַטן נישט אַלע מאָל געפאָלגט. אַ סך מאָל איז ער איבערגעבליבן אויף דער לעקציע, זיך געשעמט אַרויסצוגיין. ער האָט נישט געוואָלט זײַן אַנדערש פון די אַנדערע קינדער.

די משפחה זעלינגס קלײַבט זיך אַריבער קיין מעלבורן. דזשין פאָרט אויך אַהין.

דער עלטערער זון פון די זעלינגס, לעזלי, הייבט־אָן אָפטער אַרויסצוגיין מיט דעם קריסטלעכן מיידל דזשין. די עלטערן געפעלט עס נישט: „כ'וויל נישט אַז לעזלי זאָל אַרומגיין מיט דזשינען. פעלן ייִדישע מיידלעך אין מעלבורן?" — האָט שיינדל, די מאַמע, פיל מאָל איבערגעחזרט.

ווען אָבער דזשין איז צו זיי מערערע מאָל געקומען און זי האָט שיינדלען צוגעהאָלפן אין דער הויז־ווירטשאַפט, געהאָלפן איר וואַשן דאָס געפעס, איז שיינדל צו איר ווייכער געוואָרן. זי האָט דזשינען פאַרגליכן צו אירע קינדער, וואָס האָבן איר קיין מאָל אין גאָרנישט צוגעהאָלפן. ווען זי האָט געקוקט אויף דזשינען, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז איר שנור. דאָך האָט זי געטראַכט: ס'וועט אייביק זײַן אַ „זיי" און אַן „אונדז" — אַ גוי און אַ ייִד.

איין מאָל האָט דזשין געפרעגט לעזלין: „פאַר וואָס האָבן דײַנע עלטערן מיך אַזוי פײַנט? זאָג מיר פאַר וואָס?".

— מײַן מאַמע איז אַ קאַטוילישע און דער טאַטע אַ פּראָטעסטאַנט. מע האָט פאַרווערט דער מאַמען חתונה צו האָבן מיט אַ פּראָטעסטאַנט... אָבער זי האָט חתונה געהאַט, כאָטש איר פאָטער האָט זי אַ צײַט לאַנג נישט געלאָזט אויף די אויגן".

די משפחה זעלינגס האָט בשעתו פאַרלאָזן זייער קליין שטעטל, געהאָפט, אַז אין דער גרויסער שטאָט מעלבורן וועלן זייערע קינדער האָבן געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט ייִדן, נאָר עס איז אַזוי נישט געווען און „מיסיס זעלינגס זעט שוין איצט באַשײַנפּערלעך, אַז זי האָט גאָר נישט פיל

אויפגעטאָן מיט דעם וואָס זי האָט געצוווּנגען דעם מאַן, זיי זאָלן זיך אַרי־בערציִען קיין מעלבורן. ס׳האָט זיך דאָ פיל נישט געענדערט״.

נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון די זעלינגס, אַז לעזלי זאָל חתונה האָבן מיט דזשינען, האָבן זיי דאָך חתונה געהאַט. ס׳איז געקומען דאָס ערשטע אייניקל. די זעלינגס האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל זײַן ייִדיש. קיין סך בעטן האָבן זיי נישט געדאַרפט, דזשין האָט באַלד מסכים געווען דערויף. „בעת זי האָט דאָס צוגעזאָגט, האָט זיך דזשין פון דעם אַליין אַזוי איבערגענומען, אַז זי האָט געפילט ווי טרערן פילן־אָן אירע אויגן. זי איז מיט זיך אַליין שטאָלץ געווען — שטאָלץ געווען, וואָס זי קאָן שווער און שוויגער מיט עפּעס אָפּדאַנקען און גליקלעך מאַכן״. צום ברית זענען גע־קומען מיסטער און מיסיס רעלי, דזשינס עלטערן. מיסיס רעלי האָט גע־לאַכט און געוויינט. זי האָט זיך געפרייט מיטן אייניקל, נאָר זי האָט זיך אַלע מאָל מיט ביטערניש דערמאָנט, אַז דאָס אייניקל וועט זײַן אַ ייִד. די שטראָף איז זיכער איבער איר געקומען, מחמת זי האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ קאַטאָליק.

„ערד און הויכער הימל״, פון גוועטעלין גרעהעם

שוין דערמאָנט, אַז אין ליבע שפּילט אַ גרעסערע ראָל דאָס געפיל ווי דער שכל. דער שכל זאָגט, אַז בײַ געמישטע חתונות וועלן קורץ נאָך דער חופּה זײַן צרות, צרות פון פאַרשיידענע זײַטן: צרות פון דערציִען קינדער, צרות פון די עלטערן, פון פרײַנד. אָבער עס העלפט נישט: דאָס יונג פאַר־ליבט פּאָרל האָט חתונה. אַ ווערק וואָס שפּיגלט־אָפּ דאָס אויבן דערמאָנטע איז געשריבן פון אַן ענגלישער שרײַבערין, אָבער לויט דער דעפיניציע פון ב. באַראָכאָוו, דאַרף עס פאַררעכנט ווערן צו דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס ווערק הייסט אין ענגליש: EARTH AND HIGH HEAVEN

דער סוזשעט פון בוך איז אַ ליבע־געשיכטע פון צוויי יונגע מענטשן: מאַרק רייזער — אַ ייִד, אַן אַדוואָקאַט, און עריקאַ דרייק — אַ קריסטלעך מיידל. זייער ערשטע באַגעגעניש קומט פאָר אין הויז פון דער פאַמיליע דרייק, וווּהין מאַרק רייזער ווערט געבראַכט דורך זײַנעם אַ פרײַנד, אַ קריסט. אין הויז קומט פאָר אַ מסיבה. ווען עריקאַ ווערט פאָרגעשטעלט

פאַר מאַרקן, דערוויסט זי זיך, אין שמועס וואָס זיי פירן, אַז ער איז אַ ייִד און אַז אין לאַנד — אין קאַנאַדע — הערשט אַנטיסעמיטיזם; צום ערשטן מאָל הערט זי וועגן דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן, וועגן דעם, אַז קריסטלעכע באַלעבאַטים פאַרדינגען נישט צו קיין ייִדן קיין אַפּאַרטאַמענטן.

צום סוף פון דער מסיבה, ווען אַלע הייבן זיך שוין אָן פונאַנדערצוגיין, וויל עריקאַ פאַרשטעלן מאַרקן פאַר איר פאָטער, טשאַרלס דרייק. ווען דער לעצטער — טשאַרלס דרייק — דערוויסט זיך, אַז מאַרק איז אַ ייִד, וויל ער אים נישט געבן קיין האַנט און דרייט זיך אָפּ פון אים מיט פאַראַכטונג.

איר פאָטערס האַנדלונג מאַכט אויף עריקאַן אַ שווידערלעכן אײַנדרוק. בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פאַרפירט זי מיט אים אַ שמועס וועגן זײַן האַנדלונג בנוגע מאַרקן; טשאַרלס, דער פאָטער, לייגט פאַר איר אויס די גאַנצע תורה און חכמה פון די אַנטיסעמיטן און עריקאַ זאָגט צו אים דאָן, אַז אייגנטלעך איז צווישן די קאַנאַדישע אַנטיסעמיטן און די נאַציס נישטאָ קיין גרויסער אונטערשייד אין זייער קוק אויף די ייִדן, מער נישט — די נאַציס זענען אַוועק צו־ווײַט, האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס אין זייערע שחיטות אויף די ייִדן.

עריקאַן הייבן־אָן צו מאַטערן ייִדישע פּראָבלעמען און זי פרעגט וועגן דעם בײַ מאַרקן. מאַרק דערקלערט איר, אַז בנוגע סאָציאַלע אָדער פּאָלי־טישע פּראַגעס, איז אייגנטלעך נישטאָ קיין אַלגעמיין ייִדישער שטאַנדפּונקט. עס זענען דאָ ייִדן סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אַנטי־ציוניסטן, פרומע און פרײַדענקערס. יעדער איינער האָט זײַן באַזונדערע וועלט־אַנשויונג און במילא זײַן באַזונדערן צוגאַנג צו די פאַרשיידענע פּראָבלעמען. ייִדן האָבן נאָר צוויי באַזונדערע שטריכן: די אַנטשלאָסנקייט צו קיום האומה און די אומזיכערקייט פון זייער עקסיסטענץ.

די ליבע־געפילן פון מאַרקן און עריקאַן וואַקסן וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער. אין הויז הייבט מען אָן צו באַמערקן, אַז עריקאַ ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע אָוונטן. עריקאַ טאָר מאַרקן נישט אַרויפברענגען אויפן שוועל פון זייער הויז. זי באַהאַלט אָבער נישט פון אירע עלטערן, אַז זי איז שטאַרק פאַרליבט אין מאַרקן און אַז זי איז גרייט מיט אים חתונה צו האָבן. אין הויז קומען פאָר שטאַרקע רײַבונגען צווישן טאַטן און עריקאַן. טשאַרלס דרייק, דער טאַטע, דערקלערט זײַן טאָכטער, פאַר וואָס ער איז קעגן האָבן

אַ ייִד פאַר אַן אײדעם און ער זאָגט איר: „איך וויל נישט קיין אײדעם, וועלכער זאָל מיך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט בײַ מײַנע פרײַנד; אַן אײדעם, וועלכער קען נישט גײן צוזאַמען מיט מיר אין אונדזערע קלובן און אין פּלעצער וווּהין מיר גייען אונדזער גאַנץ לעבן; כ'וויל נישט האָבן קיין אײדעם, צוליב וועלכן איך זאָל זיך דאַרפן אומעטום אַנטשולדיקן און דערקלערן, און הערן באַליידיקונגען, סײַדן איך זאָל שטענדיק געדענקען באַ־צײַטנס אויפמערקזאַם צו מאַכן".

אַ צווייט מאָל זאָגט ער:

„ווען זיי וואָלטן אים געכומען אין הויז פון זייערע פרײַנד, וואָלט ער אַרויסגעשטעקט ווי אַ קראַנקער פינגער פון האַנט".

אין איר נאַיִווקייט גלייבט אָבער עריקאַ, אַז ווען איר פאָטער וועט זיך דערוויסן אַז מאַרק איז אַ דערפאָלגרײַכער אַדוואָקאַט, אַן אָנשטענדיקער מענטש, וועט ער נישט זײַן קעגן זייער חתונה. זי רעדט וועגן דעם מיט איר שוועסטער מרים. די לעצטע לאַכט זיך אָבער אויס פון דעם. „כל־זמן, — זאָגט מרים, — אַ מענטש טראָגט אויף זיך דעם נאָמען ייִד, מעג ער אַפילו זײַן דער בעסטער אַדוואָקאַט, אָדער דער פײַנסטער אָפיציר, טויג ער אַלץ נישט".

אין ווײַטערדיקע שמועסן צווישן טאַטן און טאָכטער הייבט־אויף דער פאָטער די פראַגע וועגן דער דערציִונג פון זייערע קינדער. „זיי וואָלטן אויסגעוואַקסן ייִדן, — זאָגט דער פאָטער, — ער וואָלט געהאַט ייִדישע אייניקלעך. צו דעם וועלן נאָך צוקומען די עלטערן און די פאַמיליע פון מאַרק רייזער. מען קען דאָך זיי נישט איגנאָרירן. זייריידן אַ שלעכטן ענגליש, יעדן פאַלס מיט אַ שטאַרקן אַקצענט. די ייִדישקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף זייערע פנימער", און ער קומט דערפאַר צום אויספיר:

„דאָס לעבן איז נישט באַזירט אויפן גראָדן שכל, אָדער לאָגיק, אַפילו נישט אויף עלעמענטאַרער גערעכטיקייט. עס איז אָפּהענגיק פון דעם ווי מענטשן דענקען, פילן און פירן זיך אויף, מיט אָדער אַפילו אָן אַ געהעריקער סיבה. און ווען זיי פילן און דענקען אַזוי טויזנטער יאָרן, וועט אַ מלחמה אָדער אַ פריש ווינטעלע וועגן אַ בעסערער וועלט נישט איבעראַנדערשן די עצם לאָגע".

מאַרק, פון זײַן זײַט, דערקלערט עריקאַן די שוועריקייטן פון זייער צו־

קונפּטיקן צוזאַמענלעבן, אויב זיי וועלן חתונה האָבן. זי וועט שטאַרק דאַרפֿן לײַדן צוליב אים. אַלע צרות וואָס ייִדן שטייען־אויס, וועלן פֿאַלן אויף איר קאָפּ. וועט זי עס קאָנען איבערטראָגן? אויסער דעם וועלן די קינדער לײַדן. ער דערציילט איר ווי ער האָט געליטן, ווען קינדער האָבן אים גערופֿן „מאַרק איז אַ שמוציקע קייק״. איז, מילא, זי וויל נעמען די לײַדן פּרײַוויליק, אָבער די קינדער?

עריקאַ גלייבט, אַז אַזוי איז עס געווען מיט 25 יאָר צוריק, הײַנט וועט זײַן אַנדערש.

מאַרק דערקלערט איר, אַז ס'וועט נאָך נעמען צענדליקער יאָרן ביז מע וועט אויסראָטן די זוימען פֿון שנאה, וואָס היטלער האָט פֿאַרשפּרייט, און דעריבער וועלן די קינדער מוזן דערצויגן ווערן אַלס באַוווסטזיניקע ייִדן. זיי מוזן באַצײַטנס צוגעגרייט ווערן צו זייער לעבן אַלס ייִדן. שיינע רייד וועגן אַסימילאַציע זענען נישט מער ווי בלאָף. דער בעסטער באַווײַז, זאָגט ווײַטער מאַרק, איז פֿאַר אונדז עסטרײַך און דײַטשלאַנד. דאָרטן, האָבן ייִדן זיך געוואָלט אַסימילירן, געוואָלט זיך אויסשמדן און זיי האָבן דאָס אויך געטאָן, — האָט עס געהאָלפֿן?

עריקאַ ענטפֿערט דערויף מאַרקן, אַז די קינדער וועלן מוזן דערצויגן ווערן אי אַלס ייִדן, אי אַלס קאַנאַדער קאַטאָליקן, ווײַל אַזוי זענען זיי ביידע — זי און מאַרק.

מאַרק ווערט דערשטוינט פֿון עריקאַס מיינונג וועגן דער דערציִונג פֿון זייערע קינדער, ווײַל איינס שליסט אויס דאָס צווייטע.

מאַרק דערציילט איר דאָן וועגן אַ יונג פּאָרל. ער אַ ייִד, זי אַ קריסטין. זיי זענען דערוווּטערט סײַ פֿון ייִדן, סײַ פֿון קריסטן און זיי לעבן צוליב דעם איינזאַם. בײַ זיי הערשט דערפֿאַר אַ שטאַרקע אומצופֿרידנקייט. די פּרוּוו צווייפֿלט איצט אין דער ריכטיקייט פֿון זייער האַנדלונג — הגם זיי האָבן זיך שטאַרק ליב.

מאַרק הייבט־אָן זיך טיפֿער אַרײַנצוטראַכטן אין דעם וואָס עס מיינט אַ ייִד. ער איז נישט רעליגיעז, נישט דאָס בינדט אים צו צו זײַן פֿאָלק, נאָר די געמיינזאַמע לײַדן, געמיינזאַמע דערגרייכונגען, די געמיינזאַמע פֿאַרגאַנגענהייט און געמיינזאַמע אויפֿגאָבן אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפֿט. ער טראַכט זיך אַרײַן אין דעם, אַז ייִדן וועלן אים באַטראַכטן ווי אַ

פּאַררעטער. אין איצטיקער צײַט איז נאָך מער ווי שטענדיק נויטיק קאָנ־סאָלידירן די ייִדישע כוחות, זאָגט ער צו זיך אַליין.

אויך מאַרקס עלטערן, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייער זון גייט אַרום מיט אַ קריסטלעך מיידל, זענען קעגן זייער חתונה; דער צוגאַנג און די סיבות פון דער קעגנערשאַפט פון ביידנס עלטערן זענען אָבער גאַנץ באַזונ־דערע: עריקאַס עלטערן אַלס קריסטן ווילן נישט דעם שידוך, ווײַל ייִדן זענען אַ ראַסע מיט וועמען מע דאַרף זיך שעמען. מאַרקס עלטערן שעמען זיך נישט מיט עריקאַן און מיט אירע עלטערן; נישט צוליב דעם ווײַל זיי זענען פון אַן „אתה בחרתנו" פאָלק ווילן זיי נישט, אַז זייער זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ קריסטין. זיי אינטערעסירט אָבער די פראַגע פון קיום־האומה. „מיר זענען איצט נישט אַזוי פיל אין צאָל — זאָגן זיי אין אַ שמועס מיט מאַרקן — ווי מיר זענען געווען פאַר היטלערן. מיר קענען זיך נישט דער־לויבן וועמען עס איז אָנצוווערן. מיר דאַרפן נישט אָנווערן". חוץ דעם איז דאָס „אויסמישן זיך מיט קריסטן ווי צונויפמישן אויל מיט וואַסער. מע קען עס נישט, עס אַרבעט נישט".

אין אַ געשפּרעך מיט מאַרקן זאָגט אים זײַן פאָטער: „פינף טויזנט יאָר האָט אײַך ביידן געמאַכט גאַנץ פאַרשיידן. דו באַנעמסט עס נישט. דאָס אַרויסוואַרפן דיך פון אַ האָטעל, ווײַל דו ביסט אַ ייִד, איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, וואָס עס האָט געטראָפן צו דיר... דו ווייסט נישט וואָס אַ ייִד צו זײַן מיינט, אַנדערש וואָלסטו נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ קריסטין. וויפל איר זאָלט נישט האָבן געמיינזאַמס, קען דאָס נישט גובר זײַן די פונ־דאַמענטאַלע אונטערשיידן. עס איז נישט די פראַגע צי איר האָט ליב די זעלבע ביכער אָדער טאָן די זעלבע זאַכן. ס'איז אַ טיפערער ענין. ס'איז די פראַגע צי איר האָט דעם זעלבן קוק אויפן לעבן, די זעלבע ירושה און די זעלבע טראַדיציעס".

אויך מאַרקס מוטער איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר זונס וועלן חתונה האָבן מיט אַ קריסטין און זי זאָגט צו אים „צי ווייסטו נישט וואָס עס גע־שעט מיט מענטשן, ווען זיי לעבן צוזאַמען יאָרן לאַנג? זיי ווערן אָפט מאָל בייז און זיי זאָגן זאַכן, וואָס זיי וואָלטן זיך עס פאַר דער חתונה גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זיי קאָנען עס זאָגן איינער דעם צווייטן. זיי וואָלטן

עס צו עמעצן אַנדערש נישט געקאָנט זאָגן... איך האָב מורא, אַז זי וועט נאָך דיר אַ מאָל אויפוואַרפן, אַז דו ביסט אַ ייִד".

דער איינציקער, וועלכער רעדט־צו מאַרקן ער זאָל חתונה האָבן מיט עריקאַן איז זײַן ברודער, דער דאָקטער דייוויד. רעליגיע, זאָגט ער, טאָר נישט זײַן קיין שטערונג צו זייער צוזאַמענלעבן; ווײַל סײַ מאַרק, סײַ עריקאַ זײַנען נישט רעליגיעז. די וואָס זענען קעגן זייער חתונה, זאָגט ער ווײַטער, סײַ עריקאַס עלטערן, סײַ זייערע עלטערן, קענען זיי ביידן נישט און די וואָס קענען זיי — ער, דער דאָקטער און מרים, עריקאַס שוועסטער — זענען פאַר זייער חתונה האָבן.

איידער מע ענדיקט לייענען דאָס בוך, דאַכט זיך, אַז לויט די לאָגישע אַרגומענטן פון מאַרקן, וועט ער נישט חתונה האָבן מיט עריקאַן. זײַן ליבע צו איר איז אָבער אַ סך שטאַרקער פון זײַנע לאָגישע אַרגומענטן און דאָס בוך ענדיקט זיך דערמיט וואָס זיי האָבן חתונה.

אַנשטענדיקער אָפּמאַך („דזשענטלמענס אַגרימענט") פון לאָוראַ ז. האָבסזאָן

דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג פיליפּ גרין — אַ קריסט, נעמט־אָן אַ פּאָסטן אין אַ ניו־יאָרקער צײַטונג. דער רעדאַקטאָר באַשטימט אים, אַז ער זאָל שרײַבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן אַנטיסעמיטיזם. פיליפּ גרין קומט פון לאָס־אַנדזשעלעס קיין ניו־יאָרק און קיינער קען אים נישט. כדי אויס־צופירן זײַן מיסיע בשלמות פאַרשטעלט ער זיך פאַר אַ ייִדן. ער באַזוכט פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און מענטשן און באַרירט די פראַגע פון ייִדן און ייִדנטום. ער שטויסט זיך אָן אויף אַנטיסעמיטיזם, וואָס דינט אים אַלס מאַטע־ריאַל פאַר זײַן טעמע.

פיליפּ גרין באַקענט זיך מיט אַ קריסטלעך מיידל קאַטי. זי איז אַ פֿײַן פּראָגרעסיוו־דענקענדיק מיידל. זײַענדיק אַן אַלמן, פאַרליבט ער זיך אין איר. זיי פאַרברענגען אַ ריי אָוונטן צוזאַמען און זי פאַרליבט זיך אויך אין אים. פיליפּ גרין שפּילט אַזוי גוט זײַן ראָל אַלס ייִד, אַז אַפילו זײַן זון טאָם ווערט פאַררעכנט בײַ זײַנע חברים פאַר אַ ייִדיש קינד און ער קומט אָפּט צום טאַטן

מיט קשיות וועגן יידן און יידישקייט. ער פילט אויף זיך דעם אַנטי־סעמיטיזם.

קאַטיס שוועסטער וויל איינאָרדענען אַ מסיבה לכבוד פיליפן און קאַטין און די לעצטע בעט פיליפן זיך נישט פאַרצושטעלן ווי אַ ייד און נישט צו באַרירן די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. פיליפּ קען עס נשט פאַרשטיין. עס קומען צווישן זיי פאַר דיסקוסיעס וועגן דעם. זי שטעלט זיך די פראַגע: אפשר איז פיליפּ טאַקע אַ ייד און נישט קיין פאַרשטעלטער פאַר אַ ייד. איז צו וואָס דאַרף זי קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? זי שטעלט זיך די פראַגע ווי ווייט דאַרף גיין דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

די פּראָגרעסיווע קאַטי קלערט דעריבער זייער שטאַרק צי דאַרף זי חתונה האָבן מיט פיליפן. זי באַשליסט מער נישט צו טרעפן זיך מיט אים און זיי צעגייען זיך אויף אַ לאַנגער צייט.

צום סוף אָבער צייגט זי זיך איבער, אַז פיליפּ איז נישט קיין ייד, אַז ער האָט טאַקע זיך נאָר פאַרשטעלט פאַר אַ יידן, כדי דערפאָלגרייך דורכצופירן זיין מיסיע אַלס זשורנאַליסט און זיי האָבן חתונה.

„איך בין אַ פרוי און אַ ייד" פון לאה מאַרטען

„איך בין אַ פרוי און אַ ייד" איז אַ גרעסערע נאָוועלע פון לאה מאַרטען — אַ טאָכטער פון זייער פרומע עלטערן, איבערהויפּט זייער אַ רעליגיעזן פאָטער אין ניו־יאָרק. די מוטער פלעגט נישט אַריינלאָזן אין זייער הויז קיין קריסטלעך קינד, ווייל אויב עס רירט אָן עפּעס פון דעם געפעס, ווערט עס טריף. די אָרטאָדאָקסישע פרומקייט אין שטוב איז געווען זייער שטרענג. דאָס איז אומדערטרעגלעך פאַר די קינדער און לאה איז געווען איינס פון זיי.

לאה האָט זיך באַקאַנט מיט איינעם אַ קריסטלעכן בחור. זיי האָבן חתונה געהאַט און לאה האָט אָנגענומען איר פאַמיליע־נאָמען מאַרטאַן. איר מאַן האָט געשטאַמט פון אַ קאַטוילישער פאַמיליע, ער איז אָבער געווען אַן אַטעיסט.

איידער זיי האָבן חתונה געהאַט האָבן זיי גערעדט צווישן זיך וועגן דער פאַרשפרייטער מיינונג, אַז געמישטע חתונות ברענגען נישט קיין גליק

אין פאַמיליען־לעבן. זיי האָבן אָבער פיל באַקאַנטע געמישטע פּאָרלעך און זיי לעבן גאַנץ גליקלעך.

זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו רעדן וועגן זייערע רעליגיעס, נישט געבן זייערע צוקונפטיקע קינדער קיין שום רעליגיעזע דערציִונג, נישט שיקן זיי נישט אין קיין סינאַגאָגע, נישט אין קיין קלויסטער. זיי — די מאַרטאָנס — וועלן זײַן אַמעריקאַנער אָבער נישט קיין ייִדן און נישט קיין קאַטאָליקן. הגם לאה מאַרטאָן האָט קיין מאָל, בײַ קיין שום געלעגנהייט נישט געלייקנט אַז זי איז אַ ייִדישע. זי האָט אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן: „איך בין אַ ייִדישע און אַ פרוי". זי האָט טאַקע מיט ייִדישקייט נישט געהאַט צו טאָן; אָבער אַז זי האָט געטריבן ייִדישקייט פון טיר, איז עס געקראָכן דורכן פענצטער.

איין מאָל איז זייער זון געקומען מיט אַ טענה, אַז אַלע זײַנע חברים גייען זונטיק אין קלויסטער צו גאָטעס־דינסט (מעס) און ער וויל אויך גיין. דער טאַטע איז מסכים געווען. די מאַמע אָבער האָט אים נישט דערלויבט; זי האָט אים געזאָגט, אַז זיי זענען נישט קיין קאַטאָליקן. זי האָט נישט גע־וואָלט אַז איר זון זאָל זען די קאָלירפולע צערעמאָניעס פון די קאַטוילישע גאָטעס־דינסטן.

דאָס איינציקע וואָס איר האָט געאַרט איז געווען זייער אָפּגעריסנקייט פון איר מוטער, וועלכע איז געווען צו איר זייער געטרײַ און פרײַנטלעך אין איר קינדהייט. ווי מאַכט זי, אַז די מוטער זאָל זײַן נאָענט צו איר משפחה, צו די קינדער? זי האָט בכלל געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן זײַן נאָענט צו ייִדן. ווי עס צו דערגרייכן, אויף וועלכן וועג פירן די קינדער, וואָס צו טאָן פאַר דעם, האָט זי נישט געוווסט. איר האָט געאַרט וואָס איר משפחה איז דערווײַטערט פון איר. זײַן אָבער אײַנגעשפּאַנט אין ייִדישקייט, טראָגן דעם עול פון ייִדישן פאָלק, גיין אין זײַנע וועגן, איז געווען קעגן דער פילאָסאָפיע פון איר לעבנסוועג. מענטשהייט איז מער ווי ייִדישקייט אָדער קאַטוליציזם און זי האָט געשטרעבט צו אַן אַלץ אַרומנעמענדיקן לעבנסוועג, ווו עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד פון פעלקער און גלויבנס.

אירע קינדער זענען געווען נישט קיין ייִדן, נישט קיין קריסטן. זיי זענען געווען סתם מענטשן, אַמעריקאַנער. ווען איר האָט זיך געמאַכט צו קריגן אַרבעט אין אַ ייִדישער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג־אינסטיטוציע, האָט

זי אויף דעם געקוקט קרום. סאָציאַלע אַרבעט דאַרף זײַן נישט סעקטאַנטיש, נאָר אַלגעמיין מענטשלעך.

איין מאָל האָט לאה מאַרטאָנס ייִנגסטע טאָכטער געדאַרפט אָנקומען אין אַ זומער־שול. מע האָט זי אָבער נישט אָנגענומען, ווײַל אין דער אַפּליקאַציע האָט לאה אָנגעשריבן, אַז זי איז ייִדיש און דער מאַן קאַטויליש. עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן, ווען זי האָט דערקלערט אַז איר טעכטערל איז, ווי אַלע איבעריקע אירע קינדער, אי אַ ייִדישע אי אַ קריסטלעכע.

אין סקול, ווו דער עלטערער זון האָט געלערנט „אײַוואַנהאָ", האָט דער לערער דערקלערט, אַז ייִדן זענען ווערטלאָזע מענטשן. דער זון, וועלכער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע איז אַ ייִדישע, איז געקומען אַהיים און געזאָגט, אַז ער וועט זאָגן אַז ער איז פראַנצייזיש, ענגליש און רוסיש.

— ביסט אָבער ייִדיש אויך, האָט געזאָגט די מאַמע. ביסט טאַקע פראַנצייזיש, ענגליש, אָבער פאַרוואָס ווילסטו פאַרלייקענען, אַז דו ביסט ייִדיש? גאַנצע דורות ייִדן שטייען הינטער דיר.

— רעד נישט אַזוי צו מיר, מאַמע, רעד נישט.

— דאַרפסט נישט פאַרלייקענען אויך דײַן ייִדישן אָפּשטאַם. ייִדן האָבן געהאַט גרויסע מענטשן: דיזראַעלי, מענדעלסאָן, לאָרד פאַלגרעוו.

זי האָט נישט געקענט דערשטיקן און אויסבאַהאַלטן איר ייִדישקייט.

— עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אַן אַמעריקאַנער און אַ ייִדן. דורות פון דערפאַרונג זענען אײַנגעקריצט אין אונדזערע מוחות, אין אונדזער גאַנצן וועזן. די קינדער מוזן עס פאַרשטיין און מסכים זײַן מיט מיר.

— איך וויל אַז מײַנע קינדער זאָלן וויסן, אַז זיי באַלאַנגען צו מײַן פאָלק, זיי דאַרפן לייענען ייִדישע געשיכטע, זיי דאַרפן קענען די ייִדישע ליטעראַטור. זייער פאָטער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ קריסטמעס־בוים. זיי האָבן געהאַט איסטער־אייער. יעצט לערנען זיי וועגן יהודה המכבי און זיי זענען מיך שבת־ליכט צינדן. זיי גייען מיט מיר צו מײַן ברודער שמעון, צו זען די פּסח־סדרים.

די מאַרטאָן משפּחה האָט געטריבן ייִדישקייט דורך דער טיר איז עס געקומען דורכן פענצטער. עס איז נישטאָ קיין אַבסטראַקטע אַמעריקאַניש־קייט. עס זענען דאָ ייִדן אין אַמעריקע ווי עס זענען דאָ איטאַליענער, איר־

לענדער, אוקראַינער א״אַ אין אַמעריקע. עס קען זיך בײַטן די פֿאָרעם פֿון ייִדישקייט און פֿאָרט „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר״.

איסט־ריווער פֿון שלום אַש

אַ זייער וויכטיק ווערק פֿון שלום אַשן איז איסט־ריווער. אין דעם דאָזיקן בוך ווערט אָפּגעשפּיגלט דאָס פּראָבלעם פֿון געמישטע חתונות און אייניקע קריטיקער האָבן פֿאַרגעוואָרפֿן ש. אַשן, אַז ער פּרעדיקט געמישטע חתונות. ווען מע לייענט אָבער אויפֿמערקזאַם דאָס בוך זעט מען, אַז עס איז נישט אַזוי.

אַ שטיק צײַט האָט אירוווינג געלעבט גליקלעך מיט דער אירישער מיידל מערי מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאַנט אין זעלבן בלאָק ווו ער האָט געוווינט. מערי האָט זיך מגייר געווען און געפֿירט אַ ייִדיש הויז. אירווינגס ייִדישקייט איז געגאַנגען נישט טיף. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און נישט באַנומען דאָס ייִדישקייט אין דעם גרויסן פֿאַרנעם: ייִדישקייט אַלס ציוויליזאַציע.

ער ציט זיך אַרויס פֿון דער 48סטער גאַס און פֿאַרלירט יעדן קאָנטאַקט מיט ייִדן. ער זעט אין ייִדישקייט נאָר אָבערגלויבן. ער וויל אַז זײַן ייִנגל זאָל זיך נישט אידענטיפֿיצירן מיט קיין שום רעליגיע ביז ער וועט אויסוואַקסן און קענען אַליין באַשטימען צו וועלכער רעליגיע ער זאָל געהערן. אין אירווינגס הויז פֿעלט דעריבער נשמה, נאַציאָנאַלער געפֿיל. מערי האָלט נישט דעם אָפּמאַך וואָס זי האָט געמאַכט מיט אירווינגן און שמדט אָפּ דאָס ייִנגל. דאַן צעגייט זיך אירווינג מיט מערין און ער רעדט צו מערין: „מיר, ייִדן, פּראַקטיצירן אפֿשר נישט אַזוי אונדזער אמונה ווי איר, קאַטאָליקן, דערפֿאַר טוישן מיר אויך נישט אַזוי גיך אונדזער גלויבן ווי אַנדערע. אַ ייִד וועט טויזנט מאָל גיכער שטאַרבן, לאָזן זיך פֿאַרברענען אין פֿײַער, איידער אָפּזאָגן זיך פֿון זײַן גאָט״.

„דער רבי" פון נוח גאָרדאָן (ענגליש)

אויף אַ ברייטער קאַנווע פון יידיש־רעליגיעזן לעבן מאָלט אונדז דער ענגליש־יידישער שרייבער נוח גאָרדאָן די איבערלעבונגען פון אַ רבי, וועלכער מאַכט די ערשטע שריט אין זיין לעבן, אין זיין קאַריערע אַלס אַ רבי. ער דערציילט אונדז וועלכע שוועריקייטן ער האָט מיט די פירער און זייערע פרויען. זיי מעגן טאַקע זיין וויכטיקע פּראָפעסיאָנאַלן — אַדוואָקאַטן, אינזשינירן, דאָקטוירים אד"גל; זיי האָבן אָבער קיין שום ידיעות נישט אין דעם יידיש־רעליגיעזן לעבן, אין דער הלכה און צו זיי דאַרף זיך דער רבי צופּאַסן. די פרויען מיט זייערע פרויען־קאָמיטעס שטעלן דעם רבי אַזעלכע פאַרלאַנגען, אַז ער קען זיי נאָכקומען נאָר מיט גרויס מאַטערניש און שוועריקייטן.

אונדזערע אינטעלעקטואַלן — אונדזערע יידיש־באַוווסטזיניקע סאָציאַלע אַרבעטער, אונדזערע יידיש־באַוווסטזיניקע פירערס פון די פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, קומט אויס אויסצושטיין און אויסצוהאַלטן אַלערליי יסורים, אַלע שבעה מדורי גיהנום. אַ יעדער דאָקטער, וועלכער איז אפשר טאַקע אַ מומחה, אַ ספּעציאַליסט אין זיין פּראָפעסיע און ברענגט גרויסן נוצן דער מענטשהייט און במילא אויך אונדז יידן; יעדער אינזשיניער, אַרכיטעקט אד"גל וואָס איז אַ מומחה אין זיין אַרבעטספעלד וויל אויך זיין באַלעבאָס אין דער אַנטשפּרעכנדער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. דער פירער־פאַכמאַן פון וועלפעיר, די דירעקטאָרן פון די פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, די פּרינציפּאַלס פון אונדזערע שולן זענען אונטערגעוואָרפן אונטער מענטשן, וואָס אָפט מאָל האָבן זיי קיין שום אַנונג נישט וועגן דעם אַנשטאַלט ווו זיי ווילן זיין די באַלעבאַטים. יעדער איינער, וואָס האָט אַמאָל געלערנט אין אַ ישיבה, קען אַ פּאָר פּסוקים, וואָס געווינטלעך פאַרדרייט ער זיי, גיט באַפעלן דעם פּרינציפּאַל פון אַ יידישער הויכשול, ווי און וואָס צו לערנען, וואָס צו טאָן אין אַזאַ אָדער אַנדער פאַל. דער פּרינציפּאַל האָט אַ לעבן לאַנג אָפּגעגעבן צו לערנען פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָלאָגיע אד"גל. דער דעה־זאָגער אין פּעדאַגאָגיק איז אַן אינזשיניער, אַן אייגנטימער פון אַ שאַפּ אָדער אַ בויער פון הייזער.

דער רבי האָט געענדיקט אַ ישיבה־אוניווערסיטעט, האָט שטודירט

הלכה און אַגדה, קען דעם רמב״ם, קען די שאלות ותשובות און נאָך און נאָך, צו אים האָט דער קאָמיטעט־מיטגליד פון דער באַאַרד אָוו גאָווערנערס אַזאַ באַציִונג ווי צו זײַן פּאַרמאַן, אָדער בוכהאַלטער אד״גל.

זעען מיר אין „דער רבי״, ווי ער לײַדט פון די אַלע טוערס, ווי זײַן כבוד ווערט דערנידעריקט.

דער רבי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ קאַטוילישע מיידל, האָט זי מגייר געווען און חתונה געהאַט מיט איר. זיי לעבן גליקלעך און זי איז צופרידן בײַ דער זײַט פון איר מאַן דעם רבין. זי דערציט אירע קינדער אין יידיש־טראַדיציאָנעלן גײַסט. וואָס עס קומט פאָר בײַ איר אין האַרצן ווייסן מיר נישט. זי ווערט קראַנק, זי נייטיקט זיך אין פּסיכיאַטרישער הילף, וואָס זי באַקומט.

עס שטאַרבט איר פאָטער — אַ גלח. זי פאָרט צו דער לוויה. זי קומט אויפן קאַטוילישן בית־עלמין. דאָ וועקן זיך אין איר אויף די אַלע קאַטוי־לישע געפילן, ס׳קומט איר אויפן געדאַנק דעם פאָטערס ליבע צו איר. קניט זי ווי אַ קאַטאָליק אויפן קבר און זאָגט מיט טיפער איבערלעבונג אַ קאַטוי־לישע תפילה, און צלמט זיך דערבײַ.

דאַרף מען דען נאָך דערציילן די לייענער פון דעם בוך, וואָס עס איז ווײַטער געווען אין איר צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן, דעם רבי? וואָס דער רבי און די קינדער זייערע האָבן דורכגעלעבט? די סצענע אויפן בית־עלמין רעדט פאַר זיך אַליין.

**
*

מיר האָבן דאָ געבראַכט אַ צאָל פאַלן פון געמישטע חתונות ווי זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער ליטעראַטור. אינטערעסאַנט אונטער־צושטרײַכן אַז די אַלע געמישטע חתונות קומען פאָר נישט אין מזרח־אייי־ראָפּע, ווו עס איז געווען אַ פול־בלוטיק יידיש לעבן, ווו יידן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן און דער עיקר — זיי זענען געשטאַנען קולטורעל פיל העכער ווי דער דורכשניטלעכער נישט־ייד, נאָר אין צפון־אַמעריקע און אויסטראַליע. אין אייראָפּע זענען פאָרגעקומען זייער ווייניק געמישטע חתו־נות, צוליב די נאָר וואָס דערמאָנטע סיבות, און אויך דערפאַר, ווײַל דאָרטן

האָט געהערשט אַנטיסעמיטיזם. כדי חתונה צו האָבן מיט אַ נישט־ייִד האָט מען געמוזט זיך שמדן און אַזעלכע פֿאַלן זענען פֿאָרגעקומען זייער ווייניק.

די געמישטע חתונות שפּיגלען זיך אָפּ אין ווערק פֿון אַ גאַנצער ריי שרײַבערס אין ייִדיש, העברעיִש און ענגליש. נאָר אין צוויי ווערק: „חוה" פֿון שלום עליכם און „אהבה זרה" פֿון אשר ברש רעדט זיך פֿון פֿאַלן אין מזרח־אייראָפּע און אין לעצטן דערגייט נישט די ליבע צו אַ חתונה.

ביבליאָגראַפיע

1. „געמישטע חתונות" פון אַלבערט גאָרדאָן, 1964.
2. וועלט־אַלמאַנאַך 1962.
3. מעליוויל הערשקאָוויץ: „דער אַמעריקאַנער נעגער, אַ שטודיום אין זיווגים פון ראַסן", נ. י. אַלפרעד קנאָפּף, 1928.
4. Maurice R. Dovie: "Negroes in American Society", 1954.
5. Paul Panima: "Modern marrige", Macmillan, 1946.
6. ד"ר דרעקסלער: „געמישטע חתונות".
7. „פּאָרטשון", 1942.
8. „דזשויש סאָשעל סטאַדיעס", באַנד XVI, 1954.
9. „געמישטע חתונות און די צוקונפט פון ייִדן" פון רבי קירשנבוים.
10. לאָיד וואַרנער און לעאָן פּראַל: „די סאָציאַלע סיסטעמען פון די אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס" (ניו־הייווען, 1945).
11. בצלאל שערמאַן: „ייִדן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן".
12. „אַמעריקאַן דזשויש יִיר בוק", 1963.
13. א. שטראַוס: „געשיכטע פון די ייִדן אין מצרים און אין סיריע".
14. ד"ר ש. רופּין: „הסוציולוגיה של היהודים", ערשטער באַנד.
15. „טוביה דער מילכיקער" — שלום עליכם.
16. ש. ניגער: „געקליבענע שריפטן", באַנד III.
17. „קענטאָקי" — י. י. שוואַרץ.
18. „בבל" — פּרץ הירשביין.
19. „יומנה של גיורת בישראל" — יצחק סלוצ.
20. „אהבה זרה" — אָשר ברש.
21. „משפחה קאַרנאָווסקי" — י. י. זינגער.
22. „ליכט און שאָטן" — הערץ בערגנער.
23. „ערד און הויכער הימל" — גוועטעלין גרעהעם.
24. „אָנשטענדיקער אָפּמאַך" — לאַוראַ ז. האַבסזין.
25. „איך בין אַ פרוי און אַ ייִד" — לאה מאַרטען.
26. „איסט ריווער" — שלום אַש.
27. „דער רבי" — נח גאָרדאָן.

שוין דערשינען פון דעם זעלבן מחבר:

1. די יידישע יוגנט אויפן שיידוועג (ענגליש), 1948.
2. ב. באָראָכאָוו, זיין לעבן און שאַפן, 1959.
3. דער וועג — זאַמלבוך לכבוד דעם 70סטן געבוירנטאָג פון מחבר, 1964.
4. אַ באַלערנדיקער סימפּאָזיום וועגן יידיש אין מדינת ישראל (בראָשור), 1968.

דערשיינט אין גיכן:

1. זכרונות פון אַ לערער — דערציילונגען און עסייען.
2. דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור.

Se terminó de imprimir en junio
de 1968 en los Talleres Gráficos
"Zlotopioro Hnos." S. R. L., calle
San Luis 3149, Buenos Aires,
República Argentina.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
© by:
M. MENACHOVSKY
TORONTO, CANADA

Hecho el depósito que marca la ley
INDUSTRIA ARGENTINA

M. MENACHOVSKY

Mixed Marriages in the jewish literature

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE — YIVO
IN ARGENTINA
BUENOS AIRES
1968

M. MENACHOVSKY

Matrimonios Mixtos en la literatura judía

INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO — IWO
BUENOS AIRES
1968